STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06498

FUN A VAYT LAND

Jose Goldchain

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף גאָלדשטיין

פון א ווייט לאנד

(דערציילונגען פון טשילענער יידישן און אַלגעמיינעם לעבן)

סאַנטיאַגאָ טשילע

1 9 4 9

די זון וועט נישט אונטערגיין

איטעלען, מיין טרייער לעבנס-באגלייטערן;
מיט ליבשאפט געווידמעט.

פון מיין פריסטער יוגנט אן האב איך ליב געהאט צו חלומען. איך האב געחלומט וועגן א שענערער און בעסערער וועלט, וועגן א וועלט א באפרייטע, א ליכטיקע, אן באדריקער און באדריקטע, אן הונגער און נויט, אן יאוש און פארצווייפלונג.

מיינע חלומות האבן אין זיך פארמאגט א שטארקן פאעטישן שווונג. אין חלום האט דאס לעבן באקומען א גאנץ אנדער פארב. אין מיין פאנ־טאזיע פלעג איך מיר אויסמאלן דאס בעסטע וואס א מענטש קאן זיך נאר ווינטשן. עס זענען אויך צווישן מיינע חלומות געווען אזעלכע, וואס האבן איבערגעלאזט אויף מיין געמיט א פיינלעכן איינדרוק, און איינעם פון די פיינלעכסטע חלומות מיינע וויל איך דא דערציילן.

מיט עטלעכע יאר צוריק בין איך געפארן קיין קארטאכענא, א שטעטל, וואס ליגט ביי די ברעגן פון פאסיפיק, ווו מען קומט פון אלע עקן טשילע זיך באדן אין ים. איך בין געפארן אויף ארבעט. מיין ארבעט איז דארטן באשטאנען אין העלפן פארזיסן זאטע גומענס מיט שאקאלאד און אנדערע זיסווארגן. מיין ארבעט האט זיך אנגעפאנגען גאנץ פרי און

פארענדיקט שפעט אין דער נאכט. מיינע אינסטרומענטן זענען באשטאנען פון „האלדז, לונגען און אטעם". ביי א שטעל, אויף וועלכן עס האט זיך געפונען א קליינע רולעטע מיט נומערן (א זוכה בגורל), האב איך, פארקויפנדיק די נומערן, געשריגן: „קומט, מענטשן, פארזיסן אייערע טעג מיט דעם בעסטן שאקאלאד, מיט די בעסטע צוקערקעס". און די רייכע, זאטע, צעבאלעוועטע זינדלעך און טעכטער האבן זיך געשטופט צו מיין טיש, ביי וועלכע זיי האבן פאר נישטיקע סענטן ווארפנדיק גורל, באקומען א גרויס שאכטל מיט זיסווארג. צו זייער פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ. מיט א זשעדנער גיריקייט האבן זיי מיט זייערע געזונטע ציינער זיך איינגעביסן אין די זיסווארגן; דער שאקאלאד האט דערגאנצט זייער זומער־אפרו.

יא, איך האב געהאלפן פארזיסן זייערע טעג, אין דער צייט ווען מיינע טעג און נעכט זענען פול געווען מיט פיין און ליידן, ווען מיין הונגעריקער מאגן האט מער ווי ברויט נישט באקומען. איינאטעמענדיק איז זיך דעם שטויב פון דער פליאזשע, וועלכער האט געטריקנט מיין האלדז און גומען, איז מיין שטימע אנגעשטרענגט געווארן אויפן העכסטן גראד פון הייזעריקייט, — און איך פלעג א מידער, נאך א זעכצן־שעהאיקן ארבעטס־טאג אנידערפאלן אויף מיין הארטן געלעגער, וועלכער איז באשטאנען פון א דראטן בעטל, און פון וועלכן איך פלעג אויפשטיין נאך מידער ווי איך בין געווען.

געשלאפן בין איך אין א צייטווייליקן, פון ברעטער צונויפגעשטעלטן באראק. דורך די שפארעס האט זיך פריי און רחבותדיק שפאצירט דער ווינט, וועלכער האט געמאכט פרירן די גלידער. דער ים, מיין שכן, האט ביינאכט נישט גערוט. זיינע כוואליעס האבן געפראוועט ליבע־ארגיעס און אנגעווארפן א פחד אויף די ארעמע און היימלאזע, וועלכע האבן נאך א שווערן טאג פוצן און רייניקן פרעמדע שיך, זיך אוועקגעלייגט בארוועסע און נאקעטע אויף די הארטע פעלדזן־שטיינער וואס דער ים האט אויסגעשפיגן, זוכנדיק דארטן צו זעטיקן זייער געגארטן שלאף.

אין איינער פון די דאזיקע נעכט האב איך א שרעקלעכן און פייגלעכן חלום געהאט. אין ווינקל פון באראק האב איך דערזען שטיין א דאמע, ס'פנים מאט אין א שווארצן שלייער געהילט, דער שלאנקער קערפער באדעקט מיט טרויער־קליידער, דעם שיינעם קאפ צו דער ערד געבויגן.

קוקנדיק אויף איר, האָט מיך אַ טיפער טרויער און פּחד באַהערשט. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע, ביז וואַנען איך האָב מיין פּחד, וואָס איר שאַרפער בליק אויף מיר האָט אָנגעוואָרפן, באַהערשט, און ווי מיט אַ פרעמדער שטים, אַ ציטערנדיקער, האָב איך אויסגעשריגן: „ווער ביסטו?".

„שרעק דיך נישט, מיין ליבער, — האָט די דאָמע מיט אַ רואיקער און צאַרטער שטים געענטפערט — זיי רואיק. איך בין די זון, און איך בין געקומען צו דיר, מיין אויסדערוויילטער, מיין טיפן ווייטיק שטילן. דו, נאָר דו, וועסט מיין טרויער דערפילן.

„זעץ זיך, — האָב איך העפלעך זי איינגעלאַדן, צורוקנדיק צו איר דאָס איינציקע קעסטל, וואָס האָט זיך געפונען אין באַראַק און וועלכעס האָט מיר געדינט פאַר אַ שטול און טיש צוזאַמען — זיץ, נעם אַראָפּ דיין שלייער, איך וויל זעטיקן מיינע אויגן אין דיין זוניק-ליכטיקן פּנים, איך וויל דיך זען אַ ליכטיקע, אַ פריידיק-זוניקע, — האָב איך מיט שטילע און וואַרעמע טענער געשעפּטשעט — זיץ.

זי האָט אויפגעהויבן איר שלייער, נישט דרייסט זיך אוועקגעזעצט, און ווי אַנטוישט בין איך געוואָרן, דערזעענדיק דעם אומעט, וואָס האָט איר פּנים געהילט, די שוואַרצע רינגען אַרום די אויגן-לעפלעך, בלאַע שטרייפן אויף איר שטערן, טרוקן און שוואַרץ זענען געווען אירע ליפּן. טרערן פון צער האָבן מיך אָנגעהויבן שטיקן, קוקנדיק אויף איר. איך בין געפאַלן צו אירע פיס, געקושט דעם זוים פון איר קלייד און זיך געבעטן:
— דערצייל, מיר מעגסטו עפענען דיין באַטריבט האַרץ, זיי מיט מיר אויפריכטיק. פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרענדערט? דערצייל, איך קאָן נישט צוזען דיין צער, דיינע ליידן.

זי האָט מיך אויפגעהויבן, אָפּגעווישט מיינע טרערן און צוטוליענדיק מיך צו איר ברוסט, אָנגעהויבן דערציילן. איר שטים איז געווען צאַרט און וואַרעם.

„יאָ, מיין ליבער, פאַר דיר וועל איך גאָרנישט פאַרהוילן, איך ווייס און פיל ווי שטאַרק דיין ליבע איז צו מיר. איך ווייס און געדענק דיין קאַמף פאַר ליכט, זון און פרייהייט. איך ווייס ווי שטאַרק דו ליבסט אַלע, וואָס בענקען צוזאַמען מיט דיר נאָך מיין אויפשיינען. אָבער אַזעלכע ווי דו זענען דאָ זייער ווייניק אויף דער וועלט. דער גרעסטער טייל פון די ערד-באַוווינער האַסן מיך, וואַרטן מיט אומגעדולד אויף מיין אונטער-

גאַנג, אויף דער פינצטערניש, וואָס די נאַכט ברענגט מיט זיך, כדי מען זאָל נישט זען זייער שאַנדע, זייערע מיאוסע אַרגיעס, ליידנשאַפטן און קאָרופּציע. מיט מיין ליכט בין איך נאָר אַ שטערונג פאַר זייערע ווילדע מעשים. איך האָב געפילט, אַז זיי האַסן מיך, זיי שעלטן מיך, מיך, וואָס איך באַלייכט זייערע טעג. איך האָב דערפילט אַן עקל צו די מענטשן. ניין, האָב איך געשריגן צו זיך אַליין, איך וועל מער נישט לייכטן פאַר אַזעלכע ברואים. ניין, איך וועל זיך צוריקציען פון ערד־קוגל, איך וועל מער נישט אויפשיינען. פינצטער זאָל ווערן אויף דער וועלט. אפשר אַזוי אַרום וועט איר, קליינע און מיאוסע מענטשעלעך, אָפּשאַצן מיין ווערט. יאָ, פינצטערניש איז זייער אידעאַל און זאָל ער פאַרווירקלעכט ווערן.

אַ פּאַרציטערטער בין איך געוואָרן, הערנדיק, וואָס פאַר אַ שרעק־לעכן באַשלוס מיין ליבסטע האָט אָנגענומען. איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן די וועלט אָן אַ זון. איך בין נאָכאַמאָל געפאַלן צו אירע פיס קניענדיק, מיט טרערן אין מיין שטים זיך געבעטן:

„ניין, ליבסטע, טו עס נישט. איך בעט דיך אין נאָמען פון די צענד־ליקער טויזנטער, וואָס שמאַכטן אין די תפיסות בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואַגט צו קעמפן פאַר דיר, פאַר ליכט און פרייהייט, און אין זייערע ענגע תפיסה־קעמערלעך שיינסטו פאַר זיי ווי אַ ליכטיקער אָנזאָג פון זייער באַפרייאונג. טו עס נישט, ליבסטע, אָן דיר וועלן נישט זיין קיין העלדן, וואָס זאָלן מקריב זיין זייער לעבן פאַר אַ שענערן און בע־סערן מאָרגן. אָן דיר האָט דאָס לעבן קיין זין נישט, טו עס נישט, איך בעט דיך.

„געדענק, אַז דער הייליקער פראַנסיס פון אסיז פלעגט אויפשטיין יעדן פרימאָרגן גלייך מיט דיר, און קניענדיק פאַר דיר, געזונגען לויב־געזאַנגען. געדענק — האָב איך גלעטנדיק אירע גאָלד־בלאָנדע האָר זי גע־טרייסט — אַז אָסוואַלד, דער העלד פון איבסענס „גייסטער", האָט גע־בעטן ביי זיין מוטער: „מוטער, גיב מיר די זון", און אָסוואַלדן האָבן די פאַרדאָרבענע מענטשעלעך געקרוינט פאַר אַ גייסטיק־קראַנקן. אָט וועל איך דיר בעסער פאַרלייענען וואָס אונדזער דיכטער פּאַפּיערניקאָוו זינגט אין זיין בוך, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „אין זוניקן לאַנד", וועסטו הערן ווי שיין און הערלעך ער באַזינגט דיך און לויבט דיך. דאַנקבאַרקייט און מאָראַל פאַרלאַנגסטו? ביי וועמען? ביי אַ דעגענערירטער און פאַר־

פוילטער וועלט, וואָס האָט דיינע געטרייסטע באַזינגער, בעטהאָווען און שוּבערט, געלאָזט אויסגיין פון הונגער און פּיין. דו טראַכט בעסער פון אונדז אָרעמע און פאַרפאַלגטע, וועלכע פאַרמאָגן גאָרנישט, אויסער דיך. פאַר אונדז זאָלסטו שטענדיק שיינען, פאַר אונדז זאָלסטו זיין דאָס וואָס דו ביסט געווען אין אַלע ציטן, אין אַלע דורות: אַן אָנזאָג פון פרייד און גליק.

זי האָט זיך באַרואיקט, מיך אַרומגענומען און געזאָגט:

רעד ווייטער, ווי גוט עס איז צו הערן, אַז עס זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע וואָס שעצן און ליבן מיך. יאָ, מיין ליבער, דו ביסט גערעכט, נאָר צוליב אייך, געפייניקטע און גערודפטע, וועל איך ווידער שיינען, און נאָך העלער און ליכטיקער ווי ביז איצט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן. איר פּנים האָט אויפגעלויכטן, די ליפּן האָבן זיך אָנגעפילט מיט רויטן זאַפט, דער שטערן האָט פאַרלאָרן זיינע קנייטשן. אַלץ אַרום איר האָט געשיינט און געלויכטן. זי האָט, צודריקנ־דיק מיין קאָפּ צו איר צאַרטער ברוסט, געקושט מיין שטערן און פּנים. און מיר פאַרזיכערט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט אייפהערן צו שיינען די וועט שטענדיק מיט אירע שטראַלן זיין אַ טרייסט פאַר אַלע, וואָס גלויבן אין איר.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, און געדענקענדיק דעם חלום, איז מיר געקומען אויפן זינען די תפילה, וואָס מאַרגאַריטאַ, די אַלטע ניאַניע פון סטרינדבערגס דראַמע, „דער פאָטער" זאָגט יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין:

„פיינלעך איז אונדזער לעבן

און פיינלעך זענען אונדזערע חלומות".

יאָ, יאָ, זייער אַ פיינלעכער חלום געווען. עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון זון־אויפגאַנג. איך האָב זיך אָנגעטאָן, געוואַשן פּיס און הענט, אַ געלייטערטער און אַ ריינער אַרויס אין דרויסן. ווען עס האָבן זיך באַ־וויזן די ערשטע זון־שטראַלן, האָבן מיינע ליפּן אָנגעהויבן שעפּטשען אַ תפילה בלחש:

„אַ לויב צו דיר, ליכטיקע זון.
זיי געגריסט, זיי געגריסט.
אין נאָמען פון אונדז אַלע,
געפּייניקטע און גערודפטע.
באַשענק אונדז מיט דיין חסד.
זאָלן דיינע שטראַלן וואַרעמען
און באַלייכטן אונדזער לעבן.
זיי געלויבט, זיי געלויבט, אמן.

אַ פאַרשטערטע חתונה

אַלעקסאַנדראַ בראָנשטיין און איסאַק האַלאַכי האָבן זיך געגרייט צו פּראַווען די חתונה פון זייערע קינדער מיט גרויס פּראַכט און גלאַנץ. חדשים פריער האָבן די בעסטע שניידער און נייטאָרנס געאַרבעט טאָג און נאַכט. סאַמעט און זייד האָבן זיך שטיקערווייז געוואַלגערט אויף זייערע אַרבעט-טישן; און צוזאַמען מיט זיי האָט זיך אויך געגרייט די יוגנט פון שטאָט. טאַטעס האָבן גענומען שטאָפּן אויף באָרג. מאַמעס האָבן צוגע־קליבן די שענסטע מאָדעלן פאַר זייערע טעכטער, געטראַכט האָבן זיי אפשר טאָמער? וועט זיך אויף אַזאַ רייכער חתונה טרעפן אַ ליטישער בחור, זיך באַקענען מיט די שיינע טעכטער און עס וועט ווערן אַ שידוך. יעדער איי־נער פון זיי האָט געוואָלט אַז זיינע קינדער זאָלן אויסזען וואָס שענער און עלעגאַנטער. אין אַלע היימען, סיי ביי די ספרדים און סיי ביי די אשכנזים, איז די טעמע פון שמועס צווישן עלטערן און די קינדער געווען די חתונה פון זשעני האַלאַכי און כואַן בראָנשטיין.

די גאַנצע גאַס אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען דער זאַל פון „סענ־טראָ איזראַעליטאַ“ איז אין דער נאַכט פון דער חתונה געווען פאַרפלייצט מיט אויטאָס. דער אַריינגאַנג אין זאַל איז געווען אָפּגעצוימט מיט בלו־מען, אינעווייניק אין זאַל האָט אַלץ געשיינט און געלויכטן. די קאָלירטע קאַנדעלאַבערס, די פאַרביקע קליידער, דאָס צירונג, די פריזורן, האָבן זיך אויסגעמישט און מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פריילעכע קאַרנאַוואַל־פּראָצע־סיע. די שטייפע ווייסע העמדער פון די מענער האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער דיקער פאַרב און שמינקע פון די פרויען־פּנימער, אַלץ האָט גע־

גלאַנצט מיט עכטן און פאַלשן שימער. פון אַלע זייטן האָט מען געטראָגן קוישן און בוקעטן מיט בלומען, צייטנווייז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס זענען די מענטשן געקומען באַוואונדערן דעם באָטאַנישן גאָרטן...

אויבן־אָן, אויף אַ הויכן פּיעדעסטאַל איז געשטאַנען אַ דריי־גאָרנדי־קער „טאָרטאַ דע נאָוויאָס" (חתן־כלה־טאָרט) און געוועקט קנאה ביי די מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אין זייער מיידלשער פאַנטאַזיע געזען אַלס כלות, און באַוואונדערט ווי שיין דער טאָרטמייסטער האָט דעם קאָסטבאַרן טאָרט באַפּוצט און באַצירט מיט פאַרשידענע געמעלן.

מיט אַמאָל האָבן זיך די טענץ אָפּגעשטעלט, די געסט האָבן זיך אַ לאָז געטון צום אַריינגאַנג. דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט מענדעל־סאָנס „מאַרטשאַ נופּסיאַל" (חתונה־מאַרש), די כלה אין ווייסן געקליידעט, איז ווי אַ ווייסער שוואַן, באַהאָנגען מיט טייערע פּערל און צירונג אַריין אין זאַל, זי איז נישט געגאַנגען נאָר געשוועבט. דער לאַנגער זיידענער חופּה־שלייער איז איר נאָכגעטראָגן געוואָרן פון אַ קינדער־פּאָרל, אַ ייִנגע־לע אין אַ סמאָקינג מיט אַ צילינדער, און אַ מיידעלע איז אַ בלוי קלייד מיט אַ ראָזע זיידענע שלייף קונציק פאַרפלאָכטן אין אירע בלאָנדע האָר. נאָך איר איז געגאַנגען דער חתן וועלכער האָט אין זיין שוואַרצן פראַק און הויכן צילינדער, אויסגעזען ווי אַ אינדישער פאַקיר. די געסט האָבן אַפּלאָ־דירט די שיינע חתן־כלה־פּאָר און מיט באַגייסטערונג געשריגן:

— וויוואַן לאָס נאָוויאָס! זאָל לעבן חתן־כלה!

אונטער דער ווייסער העל־באַלויכטענער חופּה, האָט אויף חתן־כלה גע־וואַרט דער ראַבינער, אַ שטייפער, אַן ערנסטער, אין אַ פראַק מיט זיידענע קלאַפּן און גלאַנציקן צילינדער. נעבן אים איז געשטאַנען דער חזן אויס־געפּוצט אין זיין חזנישן טראַכט. דערזעענדיק חתן־כלה אַרונטערקומען אונטער דער חופּה, האָט דער חזן, אין זינען האָבנדיק די פעטע מטבעה, וואָס ער וועט באַקומען, זיך צעזונגען אויף די העכסטע טענער פון זיין טענאָר־שטימע: „ברוך הבא, ברוך הבא, חתן אם הכלה". דער חתן האָט שטיל נאָכגעזאָגט דער „הרי את מקדשת לי כדת משה וישראל", דער אָר־קעסטער האָט אויפגעשפּילט דעם פריילעכן פּאָפּולערן קופּלעט „יאָסל, יאָסל, יאָסל", מיידלעך האָבן זיך אָוועקגעלאָזט טאַנצן און צוזינגען מיט אַ שפּאַניש־יידישן אַקצענט:

אוי, אוי, דזשאָסל, דזשאָסל,

איי, איי, יאַ, טאַטאַ, טאַם...

ווייבער זענען זיך געפּאַלן אויף די העלדזער, געווונטשן ביי אייגענע קינדער, קושנדיק זיך מיט־גענומען אייגנע ביי די אַנדערע אַביסל פאַרב פון די ליפּן. די מענער זענען אַוועק צום בופעט, געטרינקען לחיים, און געזאָגט מבינות וועגן די שיינע מיידלעך און ווייבלעך וואָס האָבן זיך געדרייט אין אַ רעדל, זיך דערציילט פּיקאַנטע עפּיזאָדן פון זייערע מענערישע דערפאַרונגען, עס איז געווען פריילעך.

ביי דער חופּה־וועטשערע אָבער איז די פריערדיקע פרייד וואָס האָט אַלעמען באַהערשט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומצופרידנקייט. די געסט האָבן דערוואַרט ווי שטענדיק אויף אַ יידישער חתונה, די געפּעפּערטע פיש מיט כריין, די געבראָטענע אינדיקעס און אַנדערע יידישע חתונה־מאכלים. אָנשטאָט יידישע עסנס, האָט מען זיי דערלאַנגט אַזעלכעס, וואָס זיי האָבן נישט געקענט צעקייען און פאַרדייען. די מחותנים, רייכע אינדוסטריאַלן, האָבן די חופּה־וועטשערע באַשטעלט ביי אַ פראַנצויזישן קוכער און אונדזערע היימישע יידן און יידענעס האָבן נישט געוווסט ווי אַזוי און מיט וואָס צו עסן די אַלע מאכלים, וואָס האָבן מיט זייערע פראַנצויזישע נעמען פרעמד געקלונגען אין זייערע אויערן. דער גרעסטער טייל פון די געסט זענען אַוועק פון טיש הונגעריקע און צערייצטע.

נאָכן עסן האָבן זיך אין די ווינקעלעך פון זאַל צונויפגענומען באַזונדערע גרופּן און האָבן צווישן זיך געפּלאַנט ווי אַזוי צו פאַרברענגען די נאַכט. טאַנצן האָבן זיי נישט געקאָנט — און די וואָס האָבן יאָ געקאָנט, האָבן קיין חשק נישט געהאַט דערצו, האָבן זיי ווי תמיד זיך געגרייט צו זייער ליבסטן צייט־פאַרטרייב, פּאָקער", „דערדל" און „רעמי". זיי האָבן זיך איינגעטיילט אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס, ווער מיט וועמען עס זאָל שפּילן, און ווי טייער מען זאָל שפּילן, אַזוי ווי עס פירט זיך אויף אַלע חתונות, תנאים און בריתן. אַזוי שמועסנדיק האָבן זיי זיך דערציילט וועגן די פריילעכע אָוונטן וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט ביי זייערע אייגענע קינדער אויף שמחות. זיך באַרימעדיק מיט די שפּילן וואָס זענען געווען.

— ביי מיין בערנאַרדאַ אויף דער חתונה — האָט זיך אָפּגערופן אַ הויכע דאַרע יידענע מיט רויט־געפאַרבטע האָר, — האָבן די געסט נישט געוואָלט אַוועקגיין. וואָס ווייסט איר? עס זענען געווען זעקס טישן פּאָקער, פינף טישן דערדל און זיבן טישן טעלעפונקען (אַ שפּיל אַזאַ).

— גייט שוין גייט — האָט איר איבערגעשלאָגן אַ ייד מיט אַ בייכל, קייענדיק אַ גראָבן ציגאַר און שלינגענדיק דעם רויך, — אויך מיר אַ חתונה, מישטיינס געזאָגט, ביי מיין לואיסן אויפן ברית, האָב איך געמוזט ביי די שכנים לייען טישן און בענקלעך. אין מיטן נאַכט בין איך געלאָפן אין קלוב אַריין קויפן קאָרטן, עס איז נישט געווען ווי זיך צוצוזעצן. דער בילקסטער טיש איז געווען צוואַנציק אויף פערציק, „קאָנטרעס און רע־קאָנטרעס" (דערדל־באַצייכענונגען) זענען געפלויגן ווי האָגל, ווילט איר מיר זאָגן פון אייער זונס חתונה.

— אָבער וואָס שטייען מיר, וואָס פאַרלירט מען צייט? — האָט זיך געהערט אַ באַסאָווע שטים, — אין הימל ווערט דאָך פאַררעכנט פאַר אַ קאָן... ווו איז דער מחותן? זאָל ער דערלאַנגען אַ תהלימל (אַ פּעשל קאָרטן).

און דערזעענדיק דעם מחותן האָט ער אים אָפּגעשטעלט און געטענהעט:

— דאָן אַלעכאַנדראָ, גיט אונדז אַ פּאָר פּעשלעך... און לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

— וואָס? וואָס ווילט איר? — האָט דער מחותן נישט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון אים, — פון וואַנען זאָל איך אייך נעמען קאָרטן? עסן, טרינקען קאָן איך אייך געבן וויפל איר ווילט נאָר. איך האָב גענוג באַ־שטעלט, אָבער קאָרטן? דאָס האָב איך נישט געבעטן, עס איז דאָך נישט קיין קלוב, עס איז דאָך אַ חתונה, איז דאָך, טאַנצן, טאַנצן גייט.

בייזע און אומצופרידענע בליקן האָבן דעם צעשטרייטן מחותן באַ־גלייט.

— אַט האָסטו דיר אַ חתונה. אַזאַ חזיר, אַזאַ קאַרגער הונט, האָרטן אינדיק, פּראָנצוויזישע מאַזשענעסע האָט יאָ אַנגעגרייט, און אַ פּעשל קאָר־טן אַז מען זאָל קענען אַביסל פאַרברענגען, האָט אים שוין נישט גע־סטייעט. אַ גאַנצער פּיסטאָקראַט געוואָרן; ער האָט שוין פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך אַרומגעיאָגט נאָך טויבן און די גאַנצע שטאָט האָט אים גערופן „אייזיק אַראָפּ פון דאַך"...

— שאַט, ווייסט איר גאָר וואָס? וואָס וועלן מיר דאָ שטיין און גע־נעצן? אַ שאָד אַזאַ נאַכט צו פּטורן אומזיסט, קומט אַריין צו מיר, די קינדער טאַנצן, וועלן זיי נישט שטערן, וועלן מיר מאַכן אַ פּאָקערל, ווי אין פּסוק שטייט און ווי גאָט האָט געבאָטן.

בישלעכווייז האָבן זיך די געסט געזעגנט מיט חתן־כלה און די מחו־

תנים און זיך שטילערהייט צעגאנגען. געבליבן זענען אין זאַל עטלעכע עלטערע פּאָרלעך, וואָס האָבן געטאַנצט אַ שער, אַ פּרוולעכס, צוזינגענדיק און צוקלאַפּנדיק מיט די הענט. די יוגנט האָט זיך פאַרקליבן אויף די העכערע שטאָקן, אויף די שטיגן און געפלירטעוועט, דער זאַל האָט גע־פּוסטעוועט.

מחותנים זענען ארומגעגאַנגען בייז, זיך געטראַכט: אָט האָסטו דיר פריינט, זיך אָנגעפרעסן, אָנגעטרינקען און אַנטלאָפן. שיין האָבן זיי זיך אויפגעפירט, אַזאַ יאָר אויף זיי...

אויפן וועג אהיים, צוריקפאָרנדיק פון דער חתונה, האָט דאָן אַלע־כּאַנדראַ געוועקט זיין ווייב: — סוסאַנאַ, דו הערסט, אַז מיר וועלן דער־לעבן חתונה צו מאַכן אונדזער רעבעקען, זאָלסטו נישט פאַרגעסן, דו הערסט? איידער דו וועסט באַשטעלן חתונה־קליידער, קלעזמער און אַ מסדר־קידו־שין, זאָלסטו דאָס ערשטע קויפן אַ פּאָר טויז קאָרטן, אַנישט וועלן מיר האָבן אַזאַ פאַרשטערטע חתונה ווי די היינטיקע. דו הערסט, סוסאַנע?

ביינאַכט אויף סאַנטיאַגער גאַסן

אוניוועריזיטאַריאַס

ביינאַכט, די שטאָט סאַנטיאַגאָ שלאָפט, דאָס נאַכט לעבן האָט זיך פאַרוקט אין די ענגע קעלער־קאַבאַרעטן. די גאַסן זענען ליידיק, פון צייט צו צייט הערט זיך דער טרויעריקער עכאָ פון טראַמווײ־האָרן. דעמאָלט באַווייזן זיך אַרום דער גרויער אוניווערזיטעט־געביידע, וואָס געפינט זיך אויף דער ברייטער שיינער אַוועני״דאַ אַלאַמעדאַ, די „אוניווערזיטאַריאָס״.

יונגע, זעכצן און אַכצן יעריקע מיידלעך מיט גערדיכטע געשמינקטע פנימער און ליפּן; קונציק אויסגעצופּטע ברעמען, אין קורצע פּאַרלאַטעטע קליידלעך, טעכטער פון דער טשילענער אָרימקייט, שמוץ און שכרות. קומען זיי צו דער אוניווערזיטעט־געביידע, ווו זיי האָבן צו געפינען קונים אויף זייער אָפּגעצערטן גוף, וועלכן זיי זענען גרייט אָפּצוגעבן פאַר ניש־טיקע סענטן.

מיט פאַרשידענע ביטרע מיטלען שטעלן זיי אָפּ יעדן פון די שפּעטע נאַכט שפּאַצירער. קאָקעטיש־באַוועגנדיק מיט זייערע לויזע נישט אויס־גערוטע קערפּערס, צוזאָגנדיק די גרעסטע תענוגים וואָס אַ פרויען-קערפּער קאָן פאַרשאַפן דעם מאַן.

פאַר יעדן פאַרבייגייער באַזונדער האָבן זיי די „אוניווערזיטאַריאָס״ אַ ספּעציעלע שפּראַך, איבערהויפּט נוצן זיי אויס זייערע שפּראַך קענטע־נישן בנוגע אויסלענדער.

— „קאַם אָן מאַי דאַרלינג״, — קום מיט מיר מיין טייערער, —

טאַנצט אַנטקעגן אַ הויכן בלאָנדן מאַן — אַ פאַרשייט מיידל, באַנוצנ־דיק זיך מיט דער שפּראַך פון אַן אַמעריקאַנער פילם, — „זשאָ סע על גוסטאַ דע לאָס זשאַנקיס", — איך ווייס ווי אַזוי צופרידנשטעלן אַן אַמע־ריקאַנער — פּרווט זי צו אימיטירן דעם נאָרד־אַמעריקאַנער שפּאַנישן אַקצענט.

— איך בין נישט קיין יענקי, מיידעלע מיינס, — פאַרענטפערט זיך דער בלאָנדער, איך בין אַ פּאָליאַק, — און גיין קאָן איך נישט מיט דיר, ווייל, איך בין אַ פאַרהייראַטער...

— נו, דאָס מאַכט נישט אויס — קאַבאַני" — ליבינקער — טוליעט זיך צו אים דאָס מיידל.

— איך פּאָדער נישט פון דיר קיין חתונה־ביכל, קום, „סעניאָר פּאָ־לאַקאָ", מיר וועלן אַביסל פאַרברענגען... גוט, דו ווילסט נישט, האָסט מורא פאַר דיין ווייב? גיב זשע מיר אַ פּאַפּיראָס, אָדער שענק מיר אַ פּע־זע אויף אַ הייסע קאַווע, ס'איז דאָך מיר אַזוי קאַלט...

די „אוניווערזיטאַריאָס" האָבן פון יעדער שפּראַך זיך אויסגעלערנט די צערטלעכסטע ווערטער, וועלכע זיי נוצן אויס אין זייער ליבע־מסחר. זייער באַרוף פאָדערט עס. נישט אומזיסט האָבן די „אוניווערזיטאַריאָס" אויסגעקליבן די געביידע פון אוניווערזיטעט פאַר זייער מאַרק. עפּעס האָבן זיי פון אוניווערזיטעט געלערנט, זייערע הונגעריקע אויגן האָבן דורכגעדרונגען דורך די דיקע ווענט פון דער געביידע — און זייערע אויערן האָבן פאַרנומען און איינגעזאַפּט אין זיך די קלאַנגען פון די פּי־לאָלאָגישע לערן און וויסנשאַפטן.

קינדער־בעטלער

אַנטקעגן דעם אוניווערזיטעט, אויף דער צווייטער זייט אַלעע, געפינט זיך די פּרעכטיקע געביידע פון אַריסטאָקראַטישן קלוב „לאַ אוניאָן", די היים פון דער טשילענער גרויס־בורזשואזיע. ברייטע טרעפּ פירן צום הויפּט אַריינגאַנג פון קלוב. אַלע זאַלן זענען העל באַלויכט. זייד און סאַמעט שוועבן פאַרביי די אָפענע פענצטער, אַלץ באַוועגט זיך דאָרטן אונטער די קלאַנגען פון דזשאַז. צען טויזנט פּעזעס האָט די פאַרוואַלטונג פון קלוב באַשטימט

פאר דעם בעסטן „סווינג-טענצער", — און די סאמע אנגעזעענסטע פא־
מיליעס זענען דארטן פארטראטן מיט זייער פראכט און גלאנץ.

לוקסוס אויטאמאבילן ברענגען יעדע מינוט פרישע פארלעך, רחבות און זאטקייט שיינט אראפ פון די פנימער, מענער אין סמאקינגס; שטייפע ווייסע העמדער פירן מיט גבירישער גאווה זייערע דאמען; די טעכטערלעך פון דער הויכער געזעלשאפט שמייכלען און פארטונקלען מיט זייער גאלד און בריליאנטן דעם טשילענער בלויען הימל און מילך־ווייסע לבנה.

זארגלאזע און פרייליכע, דערהערנדיק די קלאנגען פון ווילדן „סווינג" פארגעסן זיי אויף א ווײַלע אין דער בורזשואזער עטיק... די פיס הויבן זיך פון זיך זעלבסט; דער קערפער באקומט דעם קאנוולסיע־פיבער פון „סווינג" — און זיי לאזן זיך אוועק טאנצן אויף דער גאס.

ביים סאמע אריינגאנג אבער ווערט זייער פרייד געשטערט, זייער באגייסטערונג ווערט איבערגעריסן דורך אומעטיקע קינדערישע שטימע־לעך, וועלכע ווארטן אפ די רייכע געסט, ביי וועמען זיי בעטן נדבות פאר זייערע הונגעריקע טאטע־מאמעס.

פון די ארימסטע געסלעך פון דער שטאט קומען די קינדער-בעטלער צום קלוב „לא אוניאן" בארוועסע, אין שמאטעס איינגעהילטע; מיט אויסגעלאשענע מידע אויגן, מיט רחמנותדיקע בליקן שטרעקן זיי אויס זייערע הענטלעך זינגענדיק זייערע איין איינציקע אויסגעחזרטע פראזע — „פאטראנסיטא, אונא טשאוטשיטא, פאטראנסיטא" — בעל־הבית, גיב צוואנציק סענט, א נדבה פאר א קראנקער מאמען, הער לעבן.

פארבייגייער באוואונדערן די קינדער־בעטלער, באדויערן דעם קאנטראסט צווישן לוקסוס און נויט. אייניקע פאדערן מען זאל באזייטיקן די קינדער, זיי שטערן די פרייד און רו פון די רייכע. אבער די רייכע אויסגעפוצטע פראנטן, וועלנדיק זיך אויספיינען פאר זייערע באגלייטערנס, פארוואנדלען זייער גוטהארציקייט אין א שפאס, ווארפנדיק הויפנס מיט מטבעות צו די קינדער־בעטלער, — און לאכן ביז היסטע־רישקייט, צוקוקנדיק ווי די קינדער קנוילן זיך צונויף אין א קופע, ווי יעדער פון זיי וויל כאפן וואס מער. פיסלעך און הענטלעך פלעכטן זיך צוזאמען, מיט ווילדן אייפער און גיריקייט קעמפן זיי פאר יעדער מטבעה, דער דראנג: צו שטילן דעם הונגער איז גרויס — און שפילט זיך אפ אויף

א שארפן אופן אויף דעם ליכטיק באלויכטענעם טראטואר פון דעם רייכן און זאטן קלוב „לא אוניאן"...

נאציאנאלע מאכלים

ביי דער זייט פון קלוב „לא אוניאן", אונטער די שאטנס פון די פאל־מען ביימער, גייען ארום די נאכט־סוחרים, וואס טראגן אין זייערע קוישן און הילצערנע געשטעלן די באליבטסטע טשילענער מאכלים, „חזיר־פיס־לעך", — הארטע געבראטענע אייער — און „סאפאיפיזשאס" — טייג־לעך געבאקן אין האניק. „טארטיזשעראס" רופט מען זיי...

ווי לונאטיקער זעען אויס די „טארטיזשעראס", אין זייערע ווייסע כאלאטן, באלויכטן זייערע ענגענדיקע קראמען און פנימער דורך ליכט־לאמטערנעס, אויסזינגענדיק און רעקלאמירנדיק זייערע סחורות מיט ספעציפישע לאנגציענדיקע אומעטיקע נגונים.

— „לאמיטא־דע־טשאנטשא"; הועווא־דורא; סא־פאי־פי־זשא — ווענדא.

די נגונים הילכן אפ ווייט, דערגרייכנדיק אין די טיפסטע ווינקעלעך פון דער סאנטיאגער ארימקייט און רייצן די אפעטיטן פון די נאכט־וואנדלער און הונגעריקע בעטלער.

די קינדער־בעטלער רינגלען ארום די „טארטיזשעראס", דינגען זיך, בעטן צולאג, א גרעסער שטיקל ברויט — און לויפן מיט פרייד אהיים, מיטנעמענדיק דאס אויסגעבעטלטע חזיר־פיסל פאר זייערע ארימע נאענטע, וועלכעווארטן הונגעריקע און וואכע אין זייערע ענגע שמוציקע שטיבלעך, צו זעטיקן דעם מאגן מיט די באליבטע נאציאנאלע מאכלים זייערע.

ביינאכט, סאנטיאגא שלאפט. פון צייט צו צייט הערט זיך דער עכא פון די „טארטיזשעראס":

— לא־מי־טא דע־טשא־נטשא... הו־עווא דו־רא... סא־פאי־פי־זשא...

פּאַציענטן

דאָן סעגיסמונדאָ שטיינמאַן, דער פּרעזידענט פון „קאַלאַראַשער לאַנדסלייט פּאַריין", אָדער ווי זיינע לאַנדסלייט פלעגן אים רופן צווישן זיך „זעליג בורדיע" האָט יענעם זונטיק אין דער פרי ברייטלעך זיך אוועקגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש, ארויסגענומען די שפּאַניש־יידישע צייטונג „מונדאָ כודיאָ" (יידישע וועלט), אָנגעטאָן זיינע נייע גרויסע אמעריקאַנער ברילן — און מיט ישוב־הדעת גענומען איבערלייענען די באַגריסונגען, וואָס זענען געווען געדרוקט אויף אַ גאַנצער זייט לכבוד אים און זיין פרוי מאַטילדע. איבער הויפּט האָט אים געפרייט די גרעסטע באַגריסונג סאַמע אויבן אָן פון דער צייטונג. ער האָט די באַגריסונג געלייענט פאַר זיך הויך אויפן קול, שלינגענדיק יעדעס וואָרט מיט גרויס הנאה. דאָרט איז געווען געדרוקט מיט גרויסע קידוש־לבנה אותיות:

„דער דירעקטאָריום פון „קאַלאַראַשער לאַנדסלייט פּאַריין" באַגריסט זייער חשובן פּרעזידענט, דאָן סעגיסמונדאָ שטיינמאַן און פרוי, צום רע־סיווירן זיך פון זייער זון כאַקאָבאָ אַלס דאָקטער־מעדיצין און ווינטשן זיי פיל גליק".

דאָן סעגיסמונדאָ האָט דאָס געלייענט עטלעכע מאָל און באַשלאָסן די באַגריסונג איינצוראַמען אין אַ ספּעציעל רעמל — און אויפהענגען אי־בער זיין בעט אין שלאָף־צימער.

אַזוי זיצנדיק מיט דער צייטונג אין האַנט האָט דאָן סעגיסמונדאָ זיך פאַרטראַכט איבער זיין לעבן. דער גליקלעכער פאָטער־געפיל האָט

אים פֿאַרטראָגן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. ווי לאַנג איז דען אינגאַנצן אַז ער איז דאָרטן אין קאַלאַראַש געשטאַנען מיט אַ שווערן האַמער ביי זיינע פֿעסלעך? וואָס איז ער געווען מישטיינס געזאָגט; אַ באַנדער; אַ בעל־מלאָכה וואָס האָט געהאַט צו טון מיט אומוויסנדע פּויערים. איצ־טער איז ער אַ פֿאַבריקאַנט פֿון טריקאָטאַזש; האָט אַ גרויסע פֿאַבריק — און וואָס האָט דאָס די ווערט צו האָבן אַ זון אַ דאָקטער? אַן אייגענעם דאָקטער? זיין איינציקער זון, זיין ציטערדיקער בן־יחיד; זיין כאַקאָביטאָ איז שוין אַ דאָקטער: אַן אמתער דאָקטער מיט אַ דיפּלאָם אונטערגע־שריבן פֿון די גרעסטע פּראָפֿעסאָרן; איצטער איז געקומען די צייט, האָט דאָן סעגיסמונדאָ געטראַכט, צו ווייזן זיינע לאַנדסלייט, ווער סעגיסמונ־דאָ שטיינמאַן איז; איצטער וועלן זיי זען וואָס זייער פּרעזידענט קען אויפֿטון.

דאָס ערשטע וואָס ער וועט אַלס פּרעזידענט פֿון זיין פֿאַראיין טון, איז צו גרינדן ביים פֿאַראיין אַ קליניק, וווּ מען וועט געבן די אָרעמע לאַנדסלייט אומזיסטע מעדיצינישע הילף. זיין זון, דער דאָקטער, וועט זיין דער שעף; ער וועט היילן אַלע אָרעמע און נויטבאַדערפֿטיקע לאַנדס־לייט; אויך רעצעפּטן וועט ער, דער פּרעזידענט, געבן בחינם.

דאָן סעגיסמונדאָ שטעלט זיך פֿאָר אין זיין צעהיצטער פֿאַנטאַזיע, וואָס פֿאַראַ שטאַרקן איינדרוק זיין פֿאָרשלאַג וועט מאַכן אַפֿן דירעקטאָ־ריום און איבערהויפּט אויף די לאַנדסלייט. זיין און זיין זונס נאָמען וועט באַשריבן ווערן אין דער צייטונג; זיין זון דער דאָקטער וועט ווערן פּאָ־פּולער, באַרימט אַלס אַ גרויסער דאָקטער מיט אַ גוט מענטשלעך האַרץ, וואָס פֿילט־מיט מיט זיינע אָרעמע און קראַנקע לאַנדסלייט. ביסלעכווייז וועט דאָס באַוווּסט ווערן אין גאַנץ סאַנטיאַגאָ, אין גאַנץ טשילע, אויף דער גאַנצער וועלט. די קליענטעלע וועט וואַקסן און — דער עיקר — זיין כאַקאָביטאָ וועט קענען אַזוי אַרום טון אַ רייכן שידוך, ווי עס פּאַסט פֿאַרן זון פֿונעם פּרעזידענט פֿון „קאַלאַראַשער לאַנדסלייט פֿאַראיין", דאָן סעגיסמונדאָ שטיינמאַן...

דאָן סעגיסמונדאָ האָט באַשלאָסן זיין פֿרייד און וויכטיקן באַשלוס מיטצוטיילן זיין פֿרוי. אויפֿהייבנדיק זיך שווער פֿון זיין בענקל, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר וואָס האָט געפֿירט פֿון זיין אָפֿיסינע אין גרויסן

הויף, ווו עס האָט זיך געפונען די פאַבריק און אויף זיין טיפער באַס־שטימע גערופן זיין פרוי:

— מלכהלע, מלכהלע! קום נאָר אהער, איך וויל עפּעס זאָגן, עס וועט דיר הנאה טון, קום אריין, מאַטילדע!

מלכהלע, אָדער ווי זי האָט ליב געהאַט מען זאָל זי רופן „דאָניאַ מאַטילדע", אַ קיילעכדיקע, אַ שווער־לייביקע, מיט פיס ווי אָנגעשוואָלע־נע קלעצער, מיט אַ קאַרנאָסע נעזל וואָס איז געווען אריינגעשטופּט צווישן אירע אויפגעלאָפענע באַקן, האָט זיך אריינגעקאַטשעט אין דער אָפיסינע; זיך אוועקגעזעצט ברייטלעך אַנטקעגן איר מאַן; מיטן ברייטן קיך־פאַר־טעך אָפּגעווישט דעם שווייס פון איר דיקן פאַרשוויצטן גוידער, פאַר־לייגט ביידע הענט אויף איר הויכן בוזים און גרייט געווען אויסצוהערן די רייד פון איר חשובן און אָנגעזעענעם מאַן.

דאָן סעגיסמונדאָ האָט שטיל און געמיטלעך דערציילט זיין ווייב, דעם גאַנצן פּלאַן פון פילאַנטראָפּישער טעטיקייט, וואָס ער רעכנט דורכ־צופירן אין זיין פאַראיין, אחוץ דעם וויל ער אויך פאַרבעסערן די לאַגע פון זיינע פאַבריקס־אַרבעטער. דעם גרינעם וואָס קאָן שוין אַליין מאַכן אַ טשאַמבע (וואָלן לייבל) וועט ער העכערן אויף צוויי פּעזעס אַ טאָג; די נייערנס אויף אַ פּעזע מיט אַכציק סענט אַ טאָג, אָנשטאָט אַ פּעזע מיט צוואַנציק סענט אַ טאָג וואָס זיי האָבן באַקומען ביז איצט. אַז מען האָט אַ זון אַ דאָקטער — האָט דאָן סעגיסמונדאָ געגעבן צו פאַרשטיין זיין ווייב, — פּאַסט נישט, אַז מענטשן זאָלן אויף דיר טייטלען מיט די פינגער און זאָגן מיט חוזק: —„אָט גייט זעליק טריקאָטאַזשניק, דער פון די פּעזע מיט צוואַנציק סענטיקע שיקסעס"...

דאָניאַ מאַטילדע איז שיר נישט צעשמאָלצן געוואָרן פאַר נחת, הערנדיק וועגן איר מאַנס גוטהאַרציקייט, זי האָט אים צוגעגעבן מוט, אים גוטמוטיק אַביסל געמוסרט, אַז ס'איז שוין לאַנג צייט געווען צו העכערן די שכירות פון די אַרבעטער, און פאַרוואָס טאַקע נישט העלפן די אָרעמע לאַנדסלייט? איצטער אַז מיר האָבן שוין אַן אייגענעם דאָק־טער, און מיר ביידע? וויפל מישטיינס געזאָגט דאַרפן מיר אינגאַנצן האָבן? פיר־פינף טויזנט פּעזעס אַ חודש אויף דורכצולעבן זיך, פאַרוואָס זאָל די שטאָט נישט וויסן וואָס פאַראַ גוטע מענטשן מיר זענען? עס

איז דאָך אַ גאָטס רחמנות אויף די אָרעמע אַרבעטער — האָט מאַטילדע זיך שיר נישט צעבליפּעט.

— דאָס טענה איך דאָך אויך — האָט דאָן סעגיסמונדאָ, גלעטנדיק זיין ווייבס דיקן גוידער, געענטפערט. — נישט געזאָרגט מאַטילדע, מיר וועלן נאָך זיין „מוי ביען". — און פאַר גרויס גדולה וואָס זיין ווייב איז איינשטימיק מיט אים און שאַצט אָפּ זיינע מעלות, האָט ער איר אַ קוש געטון אין אירע פעטע גראָבע ליפּן.

דאָן סעגיסמונדאָ האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעטון זיין זונטיקדיקן האַרטן קאַפּעלוש, גענומען זיין שטעקן און אויסשרייענדיק אַ פריילעכן „האַסטאַ לוענאָ", האָט ער זיך געלאָזט גיין אויף שפּאַציר צו דער פּלאַסאַ דע אַרמאַס (אַ באַרימטער סקווער אין סאַנטיאַגאָ דע טשילע), ווו ער טרעפט זיך שטענדיק מיט סוחרים, פאַבריקאַנטן און סתם גוטע פריינט.

אַרויסקומענדיק פאַרן טיר פון זיין הויז און אַ קוק טוענדיק אויפן מעשענעם שילדל, וואָס האָט מיט אַ פרישן גלאַנץ אַראָפּגעשיינט פון דער וואַנט, אָט דאָס שילדל וואָס האָט מיט גדלות אָנגעזאָגט אַלע דורכגייער אַז דאָ אין דעם הויז וווינט:

„דאָקטאָר כאַקאָבאָ שטיינמאַן. ספּעציאַליסט פון לעבער און נירן־קראַנקהייטן. נעמט אָן יעדן טאָג פון 3 ביז 5 נאָכמיטטאָג".

האָט דאָן סעגיסמונדאָן אומעטיק געמאַכט. דאָן סעגיסמונדאָ קאָן נישט באַגרייפן די סיבה, פאַרוואָס האָט זיך נאָך ביז היינט נישט באַוויזן קיין איין פּאַציענט? דאָס שילדל הענגט שוין העכער אַ חודש צייט, אין צייטונג אַריינגעגעבן אַ גרויסע אַוויסע, און קיין פּאַציענטן האָבן זיך נאָך ביז היינט נישט באַוויזן. אַ רחמנות־געפיל דערוועקט זיך ביי אים

— פּאָברעסיטאָ — רעדט ער צו זיך אַליין, — קומט יעדן טאָג דריי אַזייגער; טוט זיך אָן דעם וויסן כאַלאַט, ווישט זיך אויס די ברילן, קוקט איבער די אינסטרומענטן, זיצט אָפּ ביז פינף אַזייגער און גייט אַוועק אַ ברוגזער, אַ געקרענקטער. אמת, ער, דער זון זיינער, באַקלאָגט זיך נישט; אָבער ער, דאָן סעגיסמונדאָ, ער איז אַ טאַטע, ער פילט וואָס עס קומט פאַר אין זיין קינדס האַרץ. ער האָט אַפילו שוין געקויפט אַזאַ מאַשין וואָס מען קען מיט איר אין דער פינצטער זען, וואָס עס טוט זיך ביים קראַנקן אין בויך; שאַ, ווי הייסט זי די מאַשין דאָרטן? יאָ, ראַזשעם עסיק... און וואָס קומט אַרויס? קיין פּאַציענטן ווייזן זיך אַלץ נישט.

דאָן סעגיסמונדאָ האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרטראַכט און אַ נייער געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן אין זיין מוח: ער וועט צוגיין אין צייטונג און הייסן אריינשטעלן אין דער אַוויסע „פּאַר אָרעמע אומזיסט”. זאָלן זיי גאָר קומען, ווייסט ער שוין וואָס ער האָט צו טון. ער וועט אָפּוואַרטן די אָרעמע פּאַציענטן; יעדן געבן פינף פעזעס און זיי הייסן באַצאָלן פאַר דעם וויזיט; סיי־ווי־סיי וועט דאָך דאָס געלט בלייבן ביי זיין זון...

אויף דער צווייטער וואָך איז אין דער צייטונג דערשינען די אַוויסע מיט אַ באַזונדערן צושריפט „פאַר אָרעמע אומזיסט” און אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דאָן סעגיסמונדאָ, זיצנדיק אין זיין אָפּיסינע דערהערט אַ שאַרפן קלונג פון טיר־גלעקל, נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף דער דינסט, וועלכע איז אַזוי שנעל נישט געגאַנגען עפענען, איז ער כמעט ווי צוגעלאָפן און אַליין געעפנט.

אויף זיין „פּאַסע סעניאָרא”, וואָס ער האָט העפלעך און שטיל געזאָגט, איז אין פּאָדער־צימער אריינגעפאַלן אַ קליין דאַר ווייבעלע, אין אַן אַלטן אָפּגעריבענעם מאַנטל, אויפן שפּיץ קאָפּ אַ קליין קאַפּעלושל מיט אַ גרויסן מענערישן רעגן־שירעם. דאָס ווייבל האָט מיט דרייסטקייט און מיט אַ קוויטשיק קולעכל אַ פרעג געטון:

— איז דער דאָקטער שטיינמאַן אין דער היים?

דאָן סעגיסמונדאָ האָט דאָס ווייבל איינגעלאַדן זיצן און איר פאַרזיכערט אַז דער דאָקטער וועט איר באַלד אויפנעמען.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט דאָן סעגיסמונדאָ דורך די שויבן פון זיין אָפּיסינע געזען, ווי זיין זון דער דאָקטער פירט אַרויס דאָס ווייבל פון זיין אויפנאַמס־צימער — און שוין שטייענדיק ביי דער גאַס־טיר, ווענדעט ער זיך צו איר זאָגנדיק:

— דערווייל קאָן איך נאָך גאָרנישט זאָגן, איך ווייס נישט וואָס אייך צו זאָגן; קומט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, וועלן מיר זען, אַדיאָס.

דאָן סעגיסמונדאָ שעפּט נחת זעענדיק, ווי אַזוי זיין זון דער דאָקטער באַהאַנדלט דעם ערשטן פּאַציענט. איצט טראַכט ער, וועלן זיי שוין קומען אין די הונדערטער, אין די טויזנטער וועלן זיי קומען; אַבי דער ערשטער איז געקומען — וועלן די איבעריקע שוין אויך קומען.

דעם זעלבן אויפדערנאַכט, זיצנדיק מיט זיין זון ביים אָונט־ברויט, האָט דאָן סעגיסמונדאָ צווישן איין מאכל און דעם צווייטן, געפרעגט זיין זון: אויף וואָס פּאַרא קרענק ליידט דאָס ווייבל, וואָס איז ביי אים געווען פאַרנאַכט.

דערמאָנענדיק דאָס ווייבל, האָט דער זון אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ אין טעלער עסן, מיט פאַרשעמטקייט אין קול, געפרעגט דעם פאָטער, צי קען ער טאַקע נישט דאָס ווייבל?

ווען דער פאָטער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער קען זי נישט, האָט כאַקאָבאָ געזאָגט דעם פאָטער, אַז דאָס ווייבל איז פולקאָם געזונט, געקומען איז זי צו אים וועגן אַ שידוך, זי איז די באַרימטע שדכנטע סער־קע דרעזנער. אַזוי ווי ער האַלט נאָך דערווייל נישט ביי אַ שידוך טאָן. האָט ער איר געהייסן קומען אין אַ צייט אַרום.

דאָן סעגיסמונדאָ האָט פאַר יוצא וועגן איינגעשטימט מיטן זון.

— געוויס, וואָס איז זיך דאָ צו איילן? אַן איינציק קינד, ער איז נאָך יונג. אדרבא, נישט ער און נישט די מוטער ווילן, אַז ער זאָל זיי אַזוי שנעל פאַרלאָזן.

ביינאַכט האָט דאָן סעגיסמונדאָ נישט געקאָנט איינשלאָפן. עס האָט אים באַנג געטון אויף דעם וואָס איז ער פאַרגעקומען בייטאָג. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער וועט שוין שטענדיק דאַרפן זיצן מיט אָנגע־שטרענגטע אויערן און וואַרטן אויפן קלונג פון טיר־גלעקל, אויסקוקנדיק אַז צו זיין זון זאָלן קומען פּאַציענטן.

זעקס שטיקלעך צוקער

— פעפיטאָ, פעפיטאָ, ווען אקאַ!

— זשאַ וואָי מאַמאַסיטאַ. —

דאָס קול פון דאָניאַ עלווירא האָט אָפּגעקלונגען איבער דער לענג פון דער קאָנווענטיזשע. זי האָט גערופן איר ייִנגסטן זון, וועלכער האָט זיך געשפּילט מיט זיינע חברים אויפן גאַס.

קע פּאַסאַ מאַמאַסיטאַ? — האָט פעפּיטאָ אויסגעשריגן, אַריינלויפנ־דיק אין איין אָטעם אין שטוב אַריין, זיין קלינגענדיק שטימעלע האָט אָפּ־געהילכט העל און קלאָר — און אָנגעפּילט דאָס אָרעמע צימער מיט קינ־דערישער פרייד.

וואָס איז געשען מאַמאַ? האָט פעפּיטאָ נאָך אַמאָל געפרעגט זיין מוטער, וועלכע איז געשטאַנען אין צימער אַ פאַרצווייפלטע, מיט די הענט פאַרלייגט אויפן איינגעפאַלענעם בוזים — און מיט טריבע אויגן געקוקט אויפן ליידיקן טיש.

פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט? האָט פעפּיטאָ געפּרוווט מינטערן זיין מוטער,, פאַרוואָס ביזטו אַזוי אומעטיק, מאַמאַ? פאַרוואָס קוקסטו נישט אויף מיר, האָסט מיך מער נישט ליב? זאָג מאַמאַ וואָס טוט דיר וויי?

דאָניאַ עלווירא איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע, טרערן זענען גע־רונען איבער אירע איינגעפאַלענע באַקן, דער דאַרער קערפּער אירער האָט געציטערט, די פיס האָבן זיך צו דער ערד געבויגן, זי איז אַנידערגעפאַלן און געוויינט שטאַרק און לאַנג.

פעפיטאַ איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, אַ רחמנות־געפיל האָט זיך אין זיין יונג הערצל דערוועקט צו זיין אומגליקלעכער מוטער, אַלץ איז אין אים איינגעשרומפּן געוואָרן, ער האָט געוואָלט צוגיין צו איר, זי אויפ־הייבן און טרייסטן, איז אָבער ביי אים די צונג און דער גומען טרוקן גע־וואָרן, ער האָט נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין פּאַסיק וואָרט מיט וועלכן ער זאָל קענען אויפהייטערן איר צעבראָכן געמיט.

דאָניאַ עלווירא איז מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען, אויסגעווישט אירע טרערן — און מיט שטרענגקייט אין קול געשריגן, פּעפּע וואָס האָכמו געטון מיטן צוקער וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אויפן טיש?, האָסט אים פאַרנאַשט מיט דיינע חברים? האָסט גאָרנישט קיין מיטלייד מיט דיין אָרעמער מאַמען?

כ׳האָב נישט גענומען דעם צוקער, האָט פּעפּיטאַ געענטפערט שלינ־גענדיק זיינע טרערן, כ׳האָב נישט גענומען, כ׳בין דאָ אין שטוב נישט געווען.

ווער זשע דען האָט אים גענומען, אז נישט דו? האָט דאָניאַ עלווירא געטענהט, ווען איך בין אַוועק פון שטוב, האָב איך אַליין איבערגעציילט זעקס שטיקלעך צוקער, דו הערסט פּעפּע?, זעקסט שטיקלעך צוקער האָב איך אַליין מיט מיינע אייגענע הענט איבערגעלאָזט, ווו זשע זענען זיי אהינגעקומען? האָ? וואָס וועל איך איצטער טון? דיינע שוועסטערלעך וועלן באַלד קומען פון דער אַרבעט — און דאָס אייציקע וואָס איך קען זיי געבן איז אַ שטיקל ברויט מיט טיי, וועלן זיי איצטער אויך נישט האָבן, וואָס וועל איך זיי זאָגן?, זיי וועלן דאָך מיר נישט גלויבן, אז מען האָט דעם צוקער צוגעגנבעט.

דאָניאַ עלווירא האָט געזוכט מיטגעפיל ביי איר צען יאָריקן זון. זי איז נישט געווען זיכער, אַז ער האָט טאַקע דעם צוקער צוגענומען. געווען אַ מאָמענט ווען זי האָט געוואָלט צוגיין און אים שלאָגן און אפשר אַזוי אַרום וואָלט זיך איר צעווייטיקט האַרץ איינגעשטילט, זי האָט דאָס אָבער נישט געטון, זי ווייסט, אַז דערנאָך וואָלט זי חרטה געהאַט — און אינ־גאַנצן זיכער אין איר חשד איז זי נישט געווען. האָט זי דערפאַר געפּרוווט מיט גוטע רייד זיך דערנענטערן צו אים, זי האָט געוואָלט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן.

פאַרשטייסט, פּעפּיטאַ, האָט זי אים צוגעפירט און אָוועקגעזעצט

אנטקעגן זיך ביים טיש, דו באגרייפסט מיין לאגע, פעפיטאָ? ביסט דאָך א קלוגער יינגל, ביסט דאָך דער איינציקער אין הויז וועמען איך זע, פאר וועמען איך קאָן דערציילן פון מיין ביטער לעבן. דיין טאטן זע איך דאָך נישט גאַנצע וואָכן, דאָס לעצטע מאָל ווען ער איז דאָ געווען, איז ער געווען שיכור, געפאָדערט געלט — און אַז איך האָב אים נישט געגעבן, האָט ער מיך געשלאָגן — און צעבראָכן די לעצטע טעלער וואָס איך האָב פארמאָגט.

דיין ברודער ערנעסטאָ, ליגט אין שפיטאָל און שפייט מיט בלוט. ווען ער איז געזונט געווען און געארבעט האָט ער מיר געהאָלפן, איצטער, אַז דאָס בליי וואָס ער האָט מיט זיינע פינגער געגאָסן, האָבן זיינע לונגען אויפגעגעסן — און איך קאָן אים אפילו אביסל מילך נישט געבן, איך קאָן נישט אכטונג געבן אויף אים ווי אַגעטרייע מאמע דאַרף אָפּהיטן איר קינד, מיין הארץ ווערט צעבראָכן יעדעס מאָל ווען איך קום צו אים אין שפיטאָל אריין — און ער קוקט מיר אין די אויגן אריין און בעט ביי מיר איך זאָל אים העלפן רואיק שטארבן, אוי פעפע, פעפע, דיין מאמע איז זייער אומגליקלעך. מיט וואָס קאָן איך דיין ברודער העלפן, אַז מיר אַליין הונגערן?

— און דיינע שוועסטער, האָט דאָניאַ עלווירא געפרוווט איינהאַלטן די טרערן, וואָס זענען מיט אַ האַסטיקן שטראָם אַנגעלאָפן אין אירע אויגן, דיינע שוועסטער זענען דאָך זייער יונג, זיי ארבעטן, דאַרפן זיי דאָך זיך קליידן, דער יקרות איז דאָך אַזוי גרויס, אַז עס איז אַ שרעק צו דערציילן.

שטעל דיר פאָר פעפע, אַז זיי דאַרפן אַ גאַנצע וואָך ארבעטן כדי זיך קענען קויפן אַ פאָר זאָקן. עס איז דאָך אַלץ אַזוי טייער. אַ פונט לעבער קאָסט דאָך איצט צוועלף פעזעס, ווער קען זיך דאָס פארגינען? פון די פאָר פעזעס וואָס דיינע שוועסטער גיבן מיר יעדע וואָך, האָב איך קוים אויף טרוקן ברויט מיט טיי, איצטער אַז מען האָט מיר צוגענגבעט דעם צוקער, וואָס וועל איך טון? וואָס וועלן זיי איצטער עסן נאָך אַ שווערן טאָג ארבעט?

כ׳בין פריער צוגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטער פרוי, כ׳האָב געוואָלט ביי איר נעמען וועש צום וואַשן, האָט זי מיר אָפּגעזאָגט. אונדזער קאָנוועגטיזשע האָט אַ שלעכטן נאָמען, זאָגט זי, זי האָט געגעבן וואַשן אונדזער שכנה, האָט זי די וועש פארזעצט אין לאָמבארד, זי האָט געווען פאַר־

ליציי — און מען האָט אונדזער שכנה אַרעסטירט, איך האָב שוין לאַנג געהאַט אַ חשד אַז זי איז אַ גנב, אפשר האָט זי דעם צוקער צוגענבעט, ווען איך בין דאָ נישט געווען? האָ, פּעפּע? וואָס שווייגסטו, אפשר האָסטו זי געזען דאָ? אַזאַ פּאַסקודסטווע, צוליב איר קריג איך נישט קיין אַרבעט. כ'האָב געטראַכט, כ'וועל וואַשן וועש, אפשר אַזוי אַרום וועלן מיר קענען כאַטש אין אַ זונטיק עסן אַ שטיקל פליישׂ?

פּעפּיטאָ איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו זיין מוטער, וועלכע האָט אין איר פאַרצווייפלונג געמישט איינס מיטן אַנדערן. אירע רייד האָבן געפּרעסט זיין הערצל. ער האָט זיך דערפילט עלנט און נידערגעשלאָגן. ער האָט זיך אויפגעהויבן, מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צו זיין מוטער, זי אַרומגענומען און אויסקושנדיק אירע טרערן האָט ער וויינענדיק גע־טענהט:

— מאַמאַסיטאַ — פאַרוואָס איז פאַראַן אַזויפיל אָרעמקייט אויף דער וועלט? פאַרוואָס? מאַמאַסיטאַ?

דאָקטאָר לירא

דאָקטאָר האָראַסיאָ לירא איז געווען ביי אַלעמען געליבט און געאַכ־טעט. מען האָט אים פאַר זיין באַשיידנקייט און גוטן כאַראַקטער שטאַרק געשעצט, איבערהויפּט איז ער געווען דער ליבלינג פון זיין צאַלרייכער קליענטעלע וואָס איז באַשטאַנען פון די אָנגעזעענסטע פרויען פון דער סאַנטיאַגער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט; זיי די פרויען, האָבן אין אים געזען, נישט בלויז דעם דאָקטאָר וועלכער דאַרף היילן זייערע פיזישע קראַנקייטן, נאָר גלייכצייטיק דעם מאַן, דעם פיינפילנדן צאַרטן, שטענ־דיק סענטימענטאַלן און פאַרליבטן.

צווישן זיינע פריינט, די נאָענטסטע, מיט וועלכע ער איז געקומען אין אינטים־געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, האָט מען אים גערופן: „דער מענטש מיט די צוויי נשמות".

דאָקטאָר לירא איז געווען אַ געמיש פון צוויי בלוטן: דער פאָטער זיינער איז געווען אַ טשילענער און די מוטער אַן איטאַליענערן. די מו־טער זיינע אַן אינטעליגענטע גוט־דערצויגענע פרוי, האָט זיך געמוזט אײַנ־גאַנצן ווידמענען דער דערציאונג פון אירע קינדער. איר מאַן — דר. לי־ראַס פאָטער — איז געווען אַן אינספּעקטאָר פון שטייער־אַמט און כמעט דריי פערטל פון זיין לעבן געמוזט זיין אויסער זיין הויז און פאַמיליע. דערפאַר האָבן אירע קינדער איבערגענומען אַ טייל פון אירע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער.

אויף האָראַסיאָן, איר ליבסטן און פעאיקסטן זון האָט די מוטער זיי־נע געשאָנקען איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. זי האָט אים געהאָלפן אין זיין שטודיום, אָנגעוויזן וואָס צו לייענען און זיך באַמיט צו פורעמען זיין כאַראַקטער.

דאָקטאָר לירא האָט איבערגענומען די אַלע אייגנטימלעכע שטריכן פון איטאַליענישן פאָלק: נאַכלעסיקייט אין אָנטון זיך, דאָס אָפּטע פאַר־טראַכטן זיך, טרוימען וואכנדיק, באַטראַכטן די טיפסטע און קאָמפּלי־צירסטע פּראָבלעמען מיט אַ היציקער שנעלקייט אָן איבערלייגונג. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געירשנט דעם חוש פאַר שיינקייט, ליבע צו מוזיק, קונסט און אַ שטאַרק אַנטוויקלטן עסטעטישן געשמאַק.

דאָקטאָר לירא האָט ליב געהאַט זיך צו זען שטענדיק אַרומגערינגלט פון אַ סך מענטשן. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער טעאַטער באַזו־כער; זונטיק אינדערפרי און אין זיינע פרייע שעהן, פלעגט ער שטענדיק באַזוכן די קונסט־מוזעאומס; יעדע זאַך וואָס האָט געקאָנט רייצן זיין עסטעטישן געפיל און אים פאַרשאַפן גענוס, האָט ער זיך איבערגעגעבן מיטן גאַנצן ברען פון זיינע צוויי נשמות.

דאָקטאָר לירא האָט אין די קרייזן פון זיינע פריינט אָממערסטן ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט זיינע באַקאַנטע פרויען. אין יעדער פרוי האָט ער שטענדיק געפונען אַזעלכעס, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט זיין גערדאַנקען גאַנג. ביי איינער האָט ער געפונען שיינע הענט; ביי אַ צוויי־טער — שיינע אויגן; ביי אַ דריטער — אַ פיינעם אַראָמאַט. אין יעדער פון זיי איז ער געווען פאַרליבט. פון דער נאַטור אַ סענטימענטאַלער, האָט ער וועגן יעדער איינער באַזונדער געטרוימט צו געפינען ווען עס איז אָן ענטפער אויף זיינע געפילן. זיין האַרץ איז שטענדיק גרייט געווען אויפ־צונעמען אַ קעגנזייטיקן געפיל.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָקטאָר לירא, אַלס פרויען דאָקטאָר און פאַרערער, האָט שטאַרק אָפּגעהיטן זיין ספּעציאַליטעט, די מעדיצינישע מאָראַלישע עטיק, עס איז ביי אים געווען אַ באַשטימטער ציל — אַן אידייע — צו היילן די פאַרשידענע קראַנקייטן, וואָס דער פרויען אָרגאַ־ניזם פאַרבאָרגט אין זיך, כדי די זעלבע זאָלן נישט שעדיקן דאָס שיינע און רייצנדע, וואָס ציט צו דאָס מענערישע אויג און רייצט די געפילן.

ער פלעגט ממש מיט פאָטערלעכער איבערגעגעבנקייט זיך פאַראינ־טערעסירן מיט יעדער פון זיינע פּאַציענטקעס. זיין נאָמען איז געווען באַ־רימט און זיין קליענטעלע איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. די קליענטינס האָבן צו אים געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי, מיט אים שנעל היימיש גע־וואָרן, די געשפּרעכן מיט זיי האָבן זיך אָפט פאַרוואַנדלט אין אַ ריכטונג,

וואָס האָט נישט געהערט צו זיין מעדיצינישער פּראַקטיק, אָנגענומען אַן אינטימען כאַראַקטער. זייער אָפּט, ווען זיינע פינגער האָבן באַרירט דאָס צאַרטע פּרויען־לייב, פלעגן אַ פּאָר רויט־צעצונדענע זאַפטיקע פרויען־ליפּן שעפּטשען: „אָ: דאָקטאָר; איך פיל זיך אַזוי גוט, אַזוי לייכט, אייערע פינגער זענען דאָך אַזעלכע דינע, איידעלע, פיינע, אָ, דאָקטאָר: — קענט איר אפשר אויך היילן מיין האַרץ? מיין גייסט? מיין נשמה? אַ ליבער דאָקטאָר: ווען איר זאָלט וויסן ווי איך ליידּ? מיין לעבן איז תּאַהשאָטנט געוואָרן דורך אַ בעסטיע, מיין מאַן איז אַ מענטש אָן אַ האַרץ; אָן מענטשלעכע געפילן, אָן רחמנות; אָ, ווי אַנטוישט איך בין אין מיין פאַרהייראַטן לעבן; אָ, דאָקטאָר.

מערסטנטייל, פלעגן זיך אַזעלכע פּאַציענטינס וואַרפן אויף זיין ברוסט און זיך צעוויינען, ווערן היסטעריש — און דאָקטאָר ליראַן פלעגט נישט שווער אָנקומען צו באַרואיקן זיינע פאַרליבטע פּאַציענטינס. ער איז שטענדיק גרייט געווען זיי צו טרייסטן און שענקען אויסער זיין מעדיצינישן וויסן, אויך אַביסל וואַרעמקייט פון זיין געפילפול האַרץ. באַלד אָבער פלעגט ער זיך באַהערשן, זיינע אויגן פלעגן זיך אויסלעשן, זיין קאַלטער בליק האָט געווירקט. ער פלעגט זיך דאַן דערמאָנען אין די לעקציעס וואָס זיין אַלטער אוניווערזיטעט פּראָפעסאָר האָט געהאַלטן איבער פּראָפעסיאָנעלער עטיק. ער פלעגט דאַן מיט געוואַלד צוימען זיינע מענערישע געפילן, אויף גיך פאַרשרייבן די רעצעפּט, העפלעך זיך געזעגענען, אין געדאַנק באַשלאָסן מער די קליענטן נישט אויפצונעמען.

אין דער אמתן פלעגט ער באַלד ווי די פּאַציענטן פלעגט פאַרלאָזן זיין אויפנאַמס־צימער, חרטה האָבן וואָס ער איז זיך אַזוי קאַלט באַגאַנגען מיט אַ פרוי, וועלכע איז געווען פאַר אים אַזוי אָפּנהאַרציק, געזוכט ביי אים שוץ און טרייסט, מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש פאַר אירע גייסטיקע ליידן. און ער? אָ: וואָס האָט ער געטון? ער האָט זי פּשוט אָפּגעשטויסן. וואָס קען זי איצט דענקען פון אים? פון אים, וואָס האָט זיך שטענדיק געגעבן די מי צו זיין צערטלעך צו אַלע, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין זיין וואָרט פון טרייסט און ליבע. אפשר זי צוריקרופן? האָט ער אַ ווײַלע אַ טראַכט געטון, אפשר בעטן אַנטשולדיקונג פאַר זיין קאַלטקייט צו מענטשלעכער אָפנהאַרציקייט און ליידן.

אויספירן די באַשלוסן, וואָס ער האָט אויף דער הייסער מינוט גע־

פאַסט, פלעגט ער קיינמאָל נישט. עס פלעגט זיך אים דעמאָלסט אוועק־שטעלן פאַר זייִנע אויגן דאָס געשטאַלט פון זיין אידעלער פרוי, וועלכע פילט צו אים, אויסער איר ריינער מענטשלעכער ליבע, אויך א גרויסן יראת־הכבוד, פאַר זיין וויסן, אינטעליגענץ און מענערלעכער שטאַלצקייט. מיט פרייד פלעגט ער אין אזא מאָמענט גיך שפּאַנען אהיים, איבערגליק־לעך, וואָס עס האָט זיך אים איינגעגעבן ריין צו האַלטן די פאָן פון זיין משפחה לעבן.

אהיים קומענדיק, פלעגט ער אריין אין זיין קאַבינעט, מיט צאַרט־קייט אין זיין שטים א רוף טון זיין פרוי, זי אוועקזעצן נעבן זיך, דער־ציילן וועגן זייִנע באַגעגענישן, איבערלעבונגען, געשפּרעכן, אויסמיידנדיק דאָס אינטימע וואָס וואָלט געקאָנט זיי פאַרשאַפן איבעריקע ליידן. די פרוי פלעגט אים דאַן דערציילן וועגן דער ווירטשאַפט, אים דערמאָנען אין זייִנע פליכטן צו די קינדער, וועלכע זענען א דאַנק זייִנע שטענדיקע וויזיטן אין דער פרעמד, דערווייטערט געוואָרן פון אים, פילן נישט צו אים די ליבע, וואָס קינדער דאַרפן פילן צו זייער פאָטער.

דאָקטאָר לירא פלעגט זי אויסהערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט, זיצנדיק מיט איר אַרומגענומען, פלעגט ער זי ך פאַרטראַכטן, זיך דערמאָנען אין די פאַרשידענע איבערלעבונגען, וואָס אים איז אויסגעקומען דורכצומאַכן מיט זייִנע פּאַציענטינס. — אָט יענע ברונעטקע, מיטן שלאַנקן פיינעם געבויטן קערפּער, ווי איידל זי איז; ווי פיין זי שמועסט איבער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע; ווי אנגע־נעם עס איז צו זיצן מיט איר דאָרטן צוויש די שאָטנס פון איר קליינעם געשמאַק־מעבלירטן בודואַר, אין ווייכן פאָטעל, אונטער די וואַרעמע בליקן פון אירע שמייכלענדיקע אויגן; טרינקען דעם אַלטן וויין; פאַר־בייסן מיט די ספּעציעל פאַר אים געבאַקענע טאָרטן; וויסנדיק אז עס זיצט פאַר דיר א פרוי, וועלכע ליבט דיך און וואַרט, אז דו זאָלסט אויס־שטרעקן דיינע אָרעמס און גענים דאָס גרויסע ליבעס גליק, וואָס א פרוי קען דיר פאַרשאַפן. זיין געדאַנק פלעגט זיך איינגאַנצן איבערגעבן אין יענעם מאָמענט דער געטרוימטער פרוי, וועלכע ער פלעגט זיך אויסמאָלן מיט די שענסטע פאַרבן פון זיין צעהיצטער פאַנטאַזיע.

זיין פרוי פלעגט באַמערקן זיין פאַרחלומטקייט, מיט געמאַכטער פריילעכקייט אים אויפוועקן פון זייִנע חלומות און פרעגן שטיל: „ליבער,

וועגן וואָס טראַכסטו?" — אָ, — פּלעגט דער דאָקטאָר, באַפרייענדיק זיך פון אַ שווערן קאַשמאַר, ענטפערן: — עס איז גאָרנישט מיין טייערע, איך האָב אַ שווער קראַנקע פּאַציענטין, זייער אַ קאָמפּליצירטע קראַנקייט, איך מוז שוין גיין, באַלד וועט זיין אַ קאָנסיליום פון עטלעכע קאָלעגן, איך מוז גיין. גענומען זיין הוט און שטעקן, אַ קוש געטון זיין פרוי, האַס־טיק פאַרלאָזן זיין הויז מיטן געדאַנק, צו גיין באַזוכן יענע פרוי, וועגן וועלכער ער האָט נאָר וואָס געטרוימט.

אויפן וועג, זייענדיק נאָענט צום הויז פון דער, וועלכע האָט אין אים דערוועקט אַ שטאַרקן לעבנס באַגער, האָט אים אינסטינקטיוו אָנגע־הויבן פּייניקן אַ חרטה־געפיל.

ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין פרוי, וועלכע איז איצט געבליבן אַליין, נאָכדעם ווי זי האָט אים אַ גאַנצן טאָג נישט געזען, זיין פרוי, זיין ליבע טערעסאַ, וועלכע האָט מיט אירע גוטע מאַניערן, פיינע דערציאונג; איידעלן כאַראַקטער און איבערגעגעבנקייט פאַר אים געשאַפן אַזאַ גע־מיטלעכע היים; אים געבוירן אַזעלכע שיינע און געראָטענע קינדער. זיי דערצויגן מיט אַזויפיל מוטערלעכער טרייִשאַפט, דערוועקט אין זיי רעס־פּעקט און ליבע צו אים, צו אים, זייער פאָטער.

אַ ציטער־געפיל פלעגט דורכלויפן איבער זיין קערפּער, אַ וואַרעמער שטראָם געפילן האָט אָנגעפילט זיין האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט שטאַרקער ווי אַלעמאָל, פאַר זיין געליבטער פרוי, פאַר זיין טערעסאַן.

אויף גיך פלעגט ער אַריינלויפן אין אַ בלומען־געשעפט, אויסקלויבן דעם שענסטן און בעסטן בוקעט רויזן, צורופן אַ טאַקסי און לויפן צו זיין פאַמיליע, צו זיין פרוי און קינדער; צו די, וועלכע ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק זיך דערלויבט צו פאַראַטן, אמת אין געדאַנק בלויז, אָבער דאָך פאַראַטן.

שנעל פלעגט ער אַריינלויפן אין איר צימער, דערלאַנגען איר די בלומען, אַ צאַרטן קוש טון — און זוכן אין איר בליק פאַרגעבונג אויף זיינע נישט באַגאַנגענע זינד.

אָט די איבערלעבונגען פלעגן זיך אָפט איבערחזרן. דאָקטאָר לירא האָט געקעמפט מיט זיינע צוויי נשמות, וועלכע האָבן אין זיין אינערלעכ־קייט געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף, יעדע איינע, אַן און פאַר זיך, פאַר זייער באַרעכטיקטער עקזיסטענץ.

אויפן סאַן קריסטאָבאַל

דאָס איז געשען אין אַ הייסן זומער־טאָג. מיד פון שטאָטישן טומל, פון דער ברענענדיקער היץ, פון הו־האַ און גערויש פון די לאַסט־אויטאָמאָבילן, פאַרטויבט פון די טרובעס און גלעקער פון די טראַמווייען, בין איך אוועק זוכן אָפּרו אויפן באַרג וואָס טראָגט דעם נאָמען פון „הייליקן קריסטאָבאַל".

דאָרט, אויפן באַרג, האָב איך געהאָפט צו געפינען אַביסעלע מנוחה, אַביסעלע רו פאַר מיין אָנגעהיצטן מוח, וועלכער איז געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי.

עס האָט זיך געוואָלט זיין מיט זיך אַליין, ווייט פון מענטשן, פון שטאָטישן גערויש; עס האָט זיך געוואָלט אַ טראַכט טון וועגן אייגענעם קיום און וועגן תכלית פון דער וועלט.

עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט זעטיקן מיין פילאָזאָפישן דורשט צווישן די בערג — די שטומע, וועלכע נעמען געדולדיק אויף יעדן איינזאַמען וואַנדערער, וועלכער קומט אַוועקלייגן זיין מידן קאָפּ און קילן דעם פון דער מאָדערנער טעכניק צעשרויפטן און צעהיצטן מוח.

קומענדיק אין דער הויך, האָב איך פריי אָפּגעאָטעמט און אַריינגענומען אין מיינע מיט גאַזאָלין און שטויב איינגעזאַפּטע לונגען, די ריינע און קילע באַרג־לופט. באַהאָפטן מיט דער פרייער אומגעצוימטער נאַטור, האָב איך אָנגעפאַנגען צו זינגען לידער פון אונדזערע נאַטור־דיכטער, לויבגעזאַנגען צום שאַפער פון די אומבאַזיגבאַרע ריזן־בערג; אַ הימן צו דער נאַטור וועלכע דער מענטש מיט זיין ציוויליזאַציע האָט נאָך נישט באַוויזן איינגאַנצן מנצח צו זיין.

אָבער מיין פרייד איז מיר נישט אינגאַנצן באַשערט געווען; שווער, זייער שווער אויסצובאַהאַלטן זיך פון מענטשלעכן אויג. אפילו אין די בערג קען מען פון מענטשן נישט אנטלויפן, אפילו דאָרט אויפן שפּיץ באַרג קען מען פאַר זיך אַליין, די אייגענע נשמה נישט אַנטפּלעקן, דער מענטש — דער שונא פון איינזאַמקייט — לויערט אויף יעדן טריט און שריט און זוכט דיין געזעלשאַפט, דיין מיטגעפיל, דיין חברישע באַהעפטונג.

אין אַ ווינקל פון באַרג איז ער, דער מענטש, געלעגן. אויף אַ זאַק מיט שמאַטעס איז געווען אָנגעלענט זיין געדיכט באַוואַקסענער קאָפּ, זיין בליק געווענדעט צום העכסטן שפּיץ, דאָרט וווּ עס איז מיט שטאָלץ געזעסן די שניי־ווייסע קרוין אויפן קאָפּ פון דעם באַרג.

— וווּהין גייסטו, גרינגאָ?

— צום העכסטן שפּיץ, — האָב איך געענטפערט.

— גיי נישט! — האָט ער אויסגערופן — עס איז פאַרבינדן מיט גרויס סכנה, דו קענסט נאָר דעם אָפּגרונט דערגרייכן, דעם העכסטן שפּיץ פון באַרג האָט נאָך קיין מענטשלעכער פוס נישט באַטראָטן.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — האָב איך אים געפרעגט, גערייצט פון זיין זיכערקייט און פון אייגענער נייגעריקייט.

— וואָס ווילסטו אויסגעפינען אין די בערג, גרינגאָ? — זיי זענען שטום און לאַנגווייליק.

— נאָך מער לאַנגווייליק איז דער מענטש — האָב איך געענטפערט — עס ווילט זיך מיר אַנטלויפן פון מענטשן. זייער אָנוועזנהייט קוועלט מיך דאָ, צווישן די בערג זוך איך רו פאַר מיין מידן קערפּער און צעווייטיקטער נשמה.

— ריכטיק האָסטו געזאָגט, גרינגאָ. אָבער נישט אַלע מענטשן זענען לאַנגווייליק. מיט מיר וועט דיר זיין אינטערעסאַנט. איך בין איינער פון די וואָס לעבן מיט דער נאַטור, די גרויסשטאָטישע ציוויליזאַציע האָט אין מיר דעם מענטשן נישט אויפגעפרעסן.

— זאָג מיר, — האָב איך נאָך אַ ווײַלע שווייגן געפרעגט, — ווער מען און וואָס זוכסטו? וואָס ברענגט דיך אַהער?

— אַלץ און גאָרנישט! — האָט ער הויך אויסגעשריגן.

— אהא, — האָט ער זיך צעלאַכט און באַוויזן זיינע געזונטע גרויסע,

ווייסע צײן, — דו פילאָזאָפירסט, גרינגאַ. גוט, איך פילאָזאָפיר אויך. גיב דיין האַנט, גרינגאַ, לאָמיר זיין חברים.

איך האָב אים מיין האַנט דערלאַנגט. זי איז אין זיין ברייטער באַוואַקסענער האַנט פארלוירן געגאַנגען. איך האָב זיך מיטאמאָל דערפילט נאָענט צו אים, צו דעם וועלכער האָט מיין רו געראויבט און אים אַלץ מוחל געווען.

נאָך א קורצן שווייגן, האָט ער מיט א פינגער פון זיין רעכטער האַנט געווענדעט אין דער הויך, צו מיר זיך אָפגערופן:

— זע ווי שיין, ווי קרישטאָל־ריין דער הימל איז, גלויבסטו גרינגאַ, אז דאָרטן געפינט זיך א העכערע קראַפט וואָס רעגירט מיט אונדז? אז דאָרטן אויבן אין די העכסטע הויכן איז פאַראַן א גאָט?

אויף א ווײַלע בין איך צעטומלט געוואָרן, נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן דעם צווייפלער, דעם גאָט־זוכער. אָבער באַלד האָב איך זיך באַהערשט און מיט פּשוטע ווערטער פון אַלטן „לוקא“, גאָרקים העלד פון זיין דראַמע „אויפן אָפּרונט“, אים געענטפערט:

— גלויבסטו, איז פאַראַן א גאָט; גלויבסטו נישט, איז נישט פאַראַן.

— זייער קלוג האָסטו געענטפערט גרינגאַ, אָבער איך דענק, אז עס איז נישט פאַראַן. ווײַל ווען עס וואָלט עקזיסטירט א גאָט, דערצו נאָך א באַרמהאַרציקער, א רחמנותדיקער, אזוי ווי די הייליקע שריפטן ווילן אונדז איינרעדן, וואָלט ער נישט געקאָנט צוזען מיינע יסורים, מיין בענקשאַפט, מיינע יאָרן פון איינזאַמקייט, דאָ אין די בערג אַליין — און וואָלט מיר אומגעקערט מיין קאַראָלינען. מיין קאַראָלינע: ווי ליב איך האָב זי, — האָט ער געשעפּטשעט צו זיך אַליין און אוועקלייגנדיק זיין קאָפּ אויפן רוקן פון בארג איז ער אנטשוויגן געוואָרן.

— דערצייל — האָב איך זיך ביי אים געבעטן, — דערצייל ווער איז זי, די דאָזיקע צוליב וועלכער דו האָסט די שטאָט און די מענטשן פאַרלאָזט און זיך באַהאַלטן אין די בערג.

— עס איז נישט אינטערעסאַנט, — האָט ער מיט ביטול געענטפערט — א גאַנץ געוויינלעכע געשיכטע וואָס קאָן פּאַסירן מיט יעדן איינעם. נאָר פאַר דיר, גרינגאַ, וועל איך זיין אָפנהאַרציק און דערציילן.

— איך בין נאָך גאָר א יונגער בחור געווען, זעכצן יאָר. איז זי, קאַראָלינע, מיט די שוואַרצע אויגן און שלאַנקע היפּטן אַלס דינסט אין אונ־

דזער הויז געקומען. אָבער פון ערשטן טאָג פון איר אָנקומען, האָב איך דערפילט אַזעלכעס וואָס איך האָב ביז דאַן נישט געאַנט וואָס דאָס איז אַזעלכעס. יעדעס מאָל וואָס זי איז אריינגעקומען אין מיין צימער מיר באַדינען, האָט זיך מיין הארץ אָנגעגאָסן מיט אַ שטראָם פון ווארעמע געפילן. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון איר באַדינונג. יונג בין איך געווען, דאָס בלוט האָט געפלאָסן אין מיינע אָדערן, אין מיין פאַנטאַזיע האָט זי מיר אויסגעקוקט ווי איינע פון די פּרינצעסינס וואָס איך האָב געקענט פון די ראָמאַנען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און זי האָט אין איר נאַטירלעכן פרויען־אינסטינקט דערפילט מיין ליבע צו איר. מיר זענען וואָס אַמאָל מער נעענטער געוואָרן. ביינאַכט, ווען אַלע אין הויז זענען געשלאָפן, האָב איך זי אָפּגעוואַרט און מיר פלעגן אַוועקגיין אין די בערג. אונדזערע שפּאַצירן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל לענגערע. מיר פלעגן זיך קייקלען פון די בערג אַראָפּ אין טאָל, ביים שיין פון דער לבנה, פלעגן מיר זיך אַראָפּפאַלנדיק צוזאַמענגיסן, ווערן איינס, איין גוף, איין נשמה.

ווי גליקלעך בין איך דאַן געווען. אַלע מיינע געדאַנקען און געפילן זענען געווען פאַרבונדן מיט איר, מיט מיין קאַראָלינען. אַ גאַנצן טאָג אַן אומרואיקע, אַן אומעטיקע, אַ פאַרשלאָסענע אין זיך, פלעגט זי אין די נעכט פריי לאָזן איר ווילדן אומגעצוימטן דראַנג צו פרייליכקייט און ליידנשאַפטלעכע גענוסן.

זי פלעגט זיך מיט מיר רייצן, באַהאַלטן אין די פעלדזן, מיך איבערלאָזן און אַוועקלויפן אהיים, זיך פאַרשליסן אין איר צימער, לאַכן ווילד און הנאה האָבן ווען איך פלעג צוריקקומען אַ צעבלוטיקטער, ווי אַ פאַרוווּנדעטער לייב קלאַפּן אין איר טיר, זיך בעטן ביי איר, שרייען, קריצן מיט די ציין, אַז זי זאָל מיך אריינלאָזן און כאַטש אויף אַ ווײַלע מיר שענקען אירע הייסע ליידנשאַפטלעכע קושן.

אירע ווילדקייטן פלעגן זיך אָפּט איבערחזרן, אירע פאַרלאַנגען האָב איך נישט געקענט צוימען. „אין ליבע מוז מען זיין פריי", האָט זי געטענהעט. בי איינמאָל, אין די גליקלעכסטע נאַכט פון אונדזער ליבע, האָט זי זיך באַהאַלטן אין איינעם פון די פעלדזן. איך האָב געשריגן, מיט די לעצטע כוחות גערופן: קאַראָלינע! קאַראָלינע! אַ ווילד געלעכטער האָט באַגלייט מיינע רופן. צוריקגעקומען איז זי נישט.

פון דעמאָלט אָן, שוין אַ סך יאָרן ווי איך זוך זי אַרום דאָ צווישן די בערג. דאָ מוז זי זיין, דאָ מוז איך זי געפינען ,די וועלכע האָט מיין הארץ געפאַנגען און עס צעבראָכן. קיין אַנדערע איז נישט אימשטאַנד צו פאַר־נעמען דאָס אָרט וואָס זי האָט פאַרנומען.

איך האָב תפילה געטון, געבעטן ביי גאָט ער זאָל מיר אומקערן די רו, די געליבטע, די אויסדערוויילטע פון אַלע פרויען, מיין קאַראָלינען. אָבער מיין תפילה איז נישט דערהערט געוואָרן, גאָט איז אַן אומרחמנות־דיקער. ניין, גרינגאָ, נישטאָ קיין גאָט! — האָט ער געשריגן מיט טרערן אין זיין שטימע — ניין, נישטאָ קיין גאָט!

די זון האָט זיך ביסלעכווייז אַנגעהויבן אַרונטערלאָזן הינטער די בערג. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון בין־השמשות. דער מענטש האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען זיין זאַק מיט שמאַטעס און זיך אָנגעהויבן געזעגענען.

— דו, גרינגאָ, גייסט דאָך צוריק אין שטאָט אריין, — האָט ער גע־זאָגט — איך מוז ווייטער גיין מיין איינזאַמען וועג, דאָרטן אין די טאָלן האָף איך, מוז זי זיין, דאָרטן אין די אָפּגרונטן וואַרט מיין קאַראָלינע אויף מיר...

איך האָב אים געווונטשן גליק און האַרציק, מענטשלעך און חבריש זיך מיט אים צעשיידט.

ווען איך בין שוין געווען אונטן, צופוסנס פון באַרג, האָב איך גע־הערט דעם אָפּקלאַנג פון זיין קלינגענדיקער, טרויעריקער שטימע, וועלכע האָט גערופן:

— קאַראָלינע! קאַראָלינע! קאַראָלינע!...

דער אַלטער פּאַטעל

אַן אַלטער פּישער פון שטעטל קאַפּיהוע האָט מיר דערציילט, אַז יאָרנלאַנג האָט אין שטעטל געלעבט אַ גלח מיטן נאָמען פּראַטשעסי. ער איז געווען שטאַרק באַליבט ביי אַלעמען, — און איבערהויפּט ביי די פרומע לייט. געווען איז דער אַלטער פּראַנטשעסי אַ מענטש אַ באַשיידענער, געטון טובות, געהאָלפן אָרימע לייט און נויטבאַדערפטיקע, ווּעמען מיט אַ גוט וואָרט און ווּעמען מיט אַ נדבה.

אין זיינע לעצטע יאָרן פלעגט דער אַלטער פּראַנטשעסי כמעט נישט אַרויסגיין פון זיין הויז, גאַנצע טעג געזעסן אין זיין אָרעם, אָבער ציכטיקן צימער, געלעזן די הייליקע שריפטן און אַרויסגיין נאָר פאַרנאַכט צו דער אָוונט תפילה. ער פלעגט זיך שטיל און אומבאַמערקט אַריינשלייכן אין קליינעם קלויסטערל, אָפּדאַווענען מיט גרויס כונה — און דורכן הינטערטירל וואָס האָט געפירט צו זיין וווינונג אויף גיך אַריינלויפן צוריק אין זיין באַליבט געצעלט, וועלכעס איז באַשטאַנען פון אַ ווייס בעטל; אַ ביכער־שראַנק און אַן אַלטער פּאַטעל.

דער פּאַטעל איז געווען זיין באַליבט שטיק מעבל. אין אים פלעגט ער פאַרברענגען די בעסטע שעהן פון זיין איינזאַם לעבן. ער פלעגט זיך אָנשפּאַרן איןביידע אָנלענס פון פּאַטעל, — און זיך פאַרטראַכטן וועגן קיום פון דער וועלט. דער אָפּגעריבענער גרינער לעדער פון פּאַטעל פלעגט אין זיך איינזאַפּן זיינע הייליקע מחשבות, — און ווען ער פלעגט אַמאָל איינשלאָפן, האָט דער פּאַטעל אים אַריינגענומען אין זיין שויס; אים

איינוויגן ווי אַ מוטער איר ליבסט קינד. ליגנדיק אין פּאָטעל פלעגן זיך אים חלומען הימלישע חלומות.

פון דער נאַטור אַ סענטימענטאַלער און גוט האַרציקער, האָט דער אַלטער פּראַנטשעסי קיינמאָל נישט געמוסרט די וואָס פלעגן קומען זיך צו אים מתודה זיין, נישט געסטראַשעט מיט גאָטס צאָרן, נאָר מיט מילדקייט און רואיקייט זיי אויסהערן און טרייסטן. פאַר אים האָט קיינער נישט געקאָנט באַהאַלטן די שווער באַגאַנגענע זינד; אַ בליק פון זייגע פאָטערלעכע אויגן איז גענוג געווען, אַז דער זינדיקער זאָל עפענען זיין האַרץ, און דערציילן דאָס אינטימסטע; דאָס פאַרבאָרגנסטע פון זיין אָנגעווייטיקטער נשמה. דער אַלטער פּראַנטשעסי פלעגט מיט פאַרמאַכטע אויגן אויסהערן די ווידוס — און מיט אַ ליבלעכן שמייכל שטענדיק שעפּטשען די זעלבע טרייסט-ווערטער: „גאָט וועט מוחל זיין מיין קינד, גאָט איז אַ גוטער". אַוועקגיין פלעגן זיי, די זינדיקע פון אים מיט אַ לייכט געמיט, דערהויבן מיט אַ נייעם פעסטן גלויבן אין אַ באַרמהאַרציקן רחמנותדיקן גאָט.

אין זיינע זונטיקדיקע דרשות, האָט דער אַלטער גלח געפּריידיקט, אַז מען דאַרף גלויבן אין גאָט דעם דערלייזער; מענטשן דאַרפן זיין גוט איינער צום צווייטן; לעבן ערלעך; העלפן אַ חבר אין נויט; פאַר אַ מוסטער אַרויסגעשטעלט זיין אייגן לעבן, וואָס איז געווען ערלעך און באַשיידן. — און דערפאַר געווען געשעצט און באַליבט ביי זיינע צוהערער וואָס האָבן אים געגלויבט און באַוואונדערט זיינע מענטשלעכע מעלות.

מיט דער צייט אָבער, איז אין שטעטל אונטערגעוואַקסן די יוגנט, וועמען די גאָטספאָרטיקע דרשות פונעם אַלטן גלח האָבן נישט באַפריידיקט. דאָס לעבן איז אַוועק ווייטער פון די אַלטע רעליגיעזע דאָגמעס, וועלכע האָבן נישט צוגעצווינגען די וועגן וועמען פּראַטשעסי האָט געטראַכט, אַז זיי וועלן גיין אין די וועגן פון זייערע עלטערן, די יוגנט איז אין קלויסטער נישט געגאַנגען. אין לאַנד זענען פאָרגעקומען וויכטיקע פּאָליטישע ענדערונגען. די אייזערנע מיליטערישע דיקטאַטור איז געפאַלן. דאָס פאָלק האָט פריי אָפּגעאָטעמט און זיך פאַרנומען צו הערשן אין לאַנד. אויף די גאַסן פון קאַפּיהוע פלעגן זיך יעדן פאַרנאַכט באַווייזן

גרופּן מאַניפעסטאַנטן, וועלכע האָבן דרייסט און מוטיק געוואָרפן די לאָ־זונגען פון „פּאַראייניקטן פאָלקס־פראָנט”, אין וועלכן עס זענען אריין פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען.

דער אַלטער פראַנטשעסי האָט וועגן די נייע פּאָליטישע שטרעמונ־גען געוווּסט, ער האָט אָבער וועגן זיי נישט געטראַכט, אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט אים און זיין הייליקער שליחות אויף דער ערד קיין שום שייכות נישט געהאַט. אינגאַנצן רואיק איז ער אויך נישט געווען, אינסטינקטיוו האָט ער געפילט, אַז דער באָדן אויף וועלכן ער האָט אַ סך יאָרן מיט זי־כערקייט געטראָטן, וואַקלט זיך, ער האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן זיין גלייכ־געוויכט.

אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן, ווען דער אַלטער גלח איז אריין אין קלויסטערל אָפּריכטן די פרימאָרגן תפילה, האָט ער דערזען דעם קלויס־טער אַ ליידיקן, אויף אַ באַנק איז געזעסן אַ זקנה און געוויינט. אויף זיין פראַגע, פאַרוואָס זי וויינט? האָט די אַלטע געענטפערט, אַז אין דרויסן האָבן זיך פאַרזאַמלט די פּויערים און ווילן דערהרגענען איר באַליבטן גלח.

דער אַלטער פראַנטשעסי איז אַרויס אין דרויסן זען וואָס עס איז געשען — און ער האָט פאַר זיך דערזען אַ בילד, פאַר אים אַן אומגלויב־לעכן, אָבער, דאָך אַ ווירקלעכקייט. אַנטקעגן קלויסטער, אויף אַן אימ־פּראָוויזירטער בינע, איז געשטאַנען אַ פרעמדער, אַרום אים האָט זיך געפונען די גאַנצע יוגנט פון שטעטל. רויטע פענער מיט אויפשריפטן האָבן געפלאַטערט אין דער לופטן. דאָס פּנים פון פרעמדן איז געווען ערנסט, זיין שטים האָט געקלונגען הילכיק און קלאָר, מיט אַ פויסט אויפ־געהויבן אין דער הויך האָט ער געשריגן: —

— גענוג האָט אונדז שוין דער אַלטער עובר בטל געפּאַשעט מיט זיינע דרשות, ער מעלה גרהט יעדן זונטיק וועגן גאָט און ערלעכקייט; ער, דער פּאַראַזיט וואָס לעבט אויף אונדזער חשבון.

— זאָל ער גיין זען, ווי אַזוי די ארבעטער און פּויערים לעבן אין שמוץ און הונגער; ער פאַרטיידיקט די פּריצים, וואָס זויגן דאָס בלוט

פון אונדזערע קינדער. נידער מיט די משרתים פון די לאטיפונדיסטן; מיר ווילן ברויט און א דאך פאר אונדזערע ווייבער און קינדער.

— נידער מיט דער רעליגיע, זאל לעבן דער פאלקס-פראנט! — זאל לעבן, זאל לעבן-! — האבן הונדערטער שטימען אפגעענטפערט דעם רעדנער, אים אראפגעשלעפט פון דער בינע, געהויבן אין דער לופטן און זיך אוועקגעלאזט מיט געזאנג איבערן שטעטל.

ווי א ווייטער, נישט קלארער עכא האבן די רייד פון אגיטאטאר אפ־געקלונגען אין די אויערן פון אלטן גלח. ער האט זיך דערפילט ארויסגע־שטויסן פון זיין נארמאלן איינגעזעסענעם אידילישן לעבן, זיך געפילט פארמשפט אויף די עלטערע יארן אפצוריכטן א שווערן און לאנגן גלות.

פארנאכט פון זעלבן טאג האט ער גערופן צו זיך דעם בירגערמייס־טער פון שטעטל. מיט געצווונגענער רואיקייט אים איבערגעגעבן זיין באשלוס, אז ער פארלאזט דאס ארט — און די מענטשן וועמען ער האט אוועקגעגעבן דאס בעסטע פון זיין פארמעגן, — זיין הארץ, זיין נשמה, זיינע בעסטע יארן.

דער טאג פון זיין אפשייד איז געווען א טרויעריקער פאר דעם אלטן פרומען דור. גאנץ פרי זענען די זקנים געקומען זיך געזעגענען מיט זייער מורה דרך. דער אלטער פראנטשעסקי האט זיך מיט יעדן פון זיי ווארעם געזעגנט, יעדן איינעם געשאנקען א קמיע, א הייליק בילדל צום אנדענקען. מיט טרערן אין די אויגן האבן די אלטע לייט אים גענאנקט, געקושט זיינע הענט און ארויס אין דרויסן, ווארטן ביז ער וועט זיין גרייט אין וועג ארייין, — און אים ארויסבאגלייטן ביז הינטערן שטעטל, וואס וועט אים אוועקפירן אויף זיין וואנדער־וועג.

אלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, די ביכער און די וועש זארגפעליק פארפאקט, נאר דער אלטער פאטעל איז נאך געשטאנען און געווארט אויף דעם „זיי געזונט" פון זיין לאנגיאריקן חבר. דער אלטער פראנ־טשעסקי איז צוגעגאנגען אים ארומגענומען און אויף די קניען תפילה גע־טאן. נאך דער תפילה האט ער זיך אוועקגעזעצט צום לעצטן מאל, מיט די לעצטע כוחות זיך איינגעקלאמערט אין די אנלענס פון פאטעל פאר־

זינקענדיק אין טיפע מחשבות. ער האָט געטראַכט אַז עס זענען פאַראַן זאַכן, וואָס כאָטש זיי זענען טויטע קעגנשטאַנדן, ווערן זיי אָבער מיט דער צייט נאָענט און טייער. אָט אַ פּאָטעל: — וואָס איז אַ פּאָטעל? אַ זאַך פון האָלץ און לעדער; און דאָך פילט ער דערצו אַזאַ צוגעבונדנקייט, ווי צו אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אַ שטאַרקער רחמנות־געפיל האָט זיך דערוועקט ביי אים צום פּאָטעל, אָן אים האָט ער פאַרשטאַנען בלייבט דער פּאָטעל פאַראיינזאַמט, אַז קיינער וועט אים מער נישט באַנוצן און ווער ווייסט צי דער פּאָטעל וועט דערפון נישט ליידן?

און אַזוי טראַכטנדיק, ליגנדיק אין די ווייכע אָרעמס פון זיין איינ־ציקן לעבנס־באַגלייטער, אין די לאַנגע יאָרן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין שטעטל, איז זיין האַרץ אויסגעגאַנגען.

ווען די זקנים פון שטעטל האָבן נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויפן גלח, די טיר געעפנט, האָבן זיי דעם אַלטן פראַנטשעסי געפונען אין פּאָטעל אַ טויטן, אַ פאַרשטייפטן. אויף זיינע אויגן־לעפלעך זענען געבליבן הענגען צוויי טרערן, ווי פּערל די גרויס, — און דער אַלטער פּאָטעל איז פאַריתומט געוואָרן.

ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט...

די „קאַפע קאָלאָמביאַ" איז געפּאַקט, אַלע טישלעך זענען באַזעצט פון טאָג־טעגלעכע באַזוכער. ווער עס קומט כאַפּן אַ גמילת חסד, ווער אויס־בייטן אַ טשעקל, אָדער דיסקאָנטירן אַ וועקסל; און ווער גלאַט אַזוי הערן די לעצטע מלחמה־נייעס. יעדער פילט זיך דאָרט היימיש און פריי. טרינקט מען אויס אַ קאַפע און מען זיצט אָפּ עטלעכע שעה, ביז עס קומט די צייט פון מיטיק, אָדער צו גיין אין קלוב אריין, זיך צו פאַרשפּילן ביז צו דער וועטשערע.

גאָר לעבעדיק ווערט דאָרטן ווען עס קומט אריין הערשל כריסטאַ־וואַיער, אָדער, ווי מען רופט אים צווישן היימישע, אויף זיין רוסישן נאָ־מען „דיאַדיאַ גרישאַ". הערשל כריסטאַוואַיער רופט מען אים לויטן נאָ־מען פון זיין געבורט־שטעטל „כריסטאַוואַי", אַ קליין שטעטל אין בעס־אַראַביע. הערשל איז כמעט פון די ערשטע יידן, וואָס זענען געקומען קיין טשילע, שוין באַלד עטלעכע און דרייסיק יאָר. פון דער נאַטור אַ גוט־האַרציקער און אַ פרייליכער, פון די וואָס רופן זיך אַליין אָן לויט שלום־עליכמס העלדן „אָן אָרעמס און אַ פרייליכס". כאָטש הערשל איז נישט קיין אָרעמער, אַ פאַבריקאַנט, אַן אייגן הויז און ער מאַכט אַ שיין לעבן. הערשל איז כמעט פון די איינציקע יידן אין טשילע וואָס נישט קוקנדיק אויף זייער גוטן מאַטעריעלן צושטאַנד, זענען זיי דאָך פאַרבליבן פאָלקס־מענטשן; האָבן נישט איבערגענומען די גבירישע גאווה. הערשל איז מיט יעדן היימיש, האָט פאַר יעדן אַ גוט וואָרט און דער עיקר — אַ מעשה.

הערשל איז אַ מייסטער אויף צו דערציילן אַ מעשה, אָדער, ווי עס הייסט ביי אים, „פּלעכטן אַ מעשה". הויבט אָן הערשל צו פּלעכטן אַ מעשה, רוקן זיך אַלע טישלעך אין קאַפע צוזאַמען, יעדער איינער וויל זיין וואָס נענטער צו הערשלס טישל, כדי חלילה נישט צו פאַרהערן אַ וואָרט, אָדער אַ ספּעציפישן פאָלקסטימלעכן אויסדרוק פון הערשלס שפּרודלדיקן הומאָר.

„פאַרשטייט איר מיך צי ניין?", — אַזוי הויבט זיך אָן הערשל כריסטאָוואיערס אַ מעשה, אַזוי הויבט ער אָן צו דערציילן. ווען איך בין געפאָרן פון אָדעס קיין טשילע, האָב איך זיך אויפן שיף באַקאַנט מיט צוויי יונגעלייט, איינער איז געווען אַ באַברויסקער און דער צווייטער אַ קעשעניעווער, ביידע זענען געווען פּאָליטישע אימיגראַנטן, אַנטלאָפן פון דער צאַרישער פאַרפאָלגונג. דער באַברויסקער, באַריסקע האָט ער גע־הייסן, איז געווען אַ סטאָליאַר, אַ יונג אַ ברען, מיט אַ פּאָר ליכטיקע בלויע אויגן און אַ שוואַרצע טשופּרינע, נישט געקאַנט אין די קליינע אותיות, דערפאַר אָבער אַז ער פלעג זיך צערעדן וועגן „מאַטושקאַ ראָסיאַ" און די „סאָציאַלנע רעוואָלוציאַ", האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער יונג האָט גע־ענדיקט אַ פּאָליטישן אוניווערזיטעט. און אַז עס פלעג אים אָנכאַפּן אַ בענקשאַפט נאָך זיינע נאָענטע, טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער און חברים, פלעג ער זיך אַוועקזעצן ביי דער נאָז פון שיף, פאַרציען שטיל און מיט געפיל אַ רעוואָלוציאָנער ליד ווי:

„סלאַנצע סכאָדיט אי זאַכאָדיט,
וו'מאָיע טיורמע טיעמנאָ".
אָדער:
„ווי זשערטוואָיע פּאַלי"...

דעמאָלט פלעגן פון אַלע ווינקעלעך אָנקומען די פּאַסאַזשירן, אפילו פון ערשטן קלאַס איז מען געקומען הערן באַריסקען זינגען. די דריטע קלאַס האָט אים אַפּלאָדירט, אים געהויבן אין דער לופטן און געשריגן: „בראַוואָ, טאָוואַרישטש באַריס!". אין זיין זינגען האָבן די אָרעמע אימי־גראַנטן פון דריטן קלאַס דערפילט זייער היים־ווי און אים דאַנקבאַר גע־ווען. די רייכערע פּאַסאַזשירן פלעגן אים העפלעך איינלאַדן צו זיי אין ערשטן קלאַס, ער זאָל פאַר זיי עפּעס אַ פרייליכס אויפזינגען: „פּאָזשאַ־ליוסטאַ, גאַספּאָדין באַריס, זאַפּיעיטע נאַם קאַמאַרינסקאַ". באַריסעס

אויגן פלעגן זיך אָנצינדן, מיט שטרענגקייט אין זיין שטים, פלעגט ער זיי אָפּטרייבן פון זיך און שרייען: „קאַקאָי גאָספּאָדין יאַ? יאַ טאָוואַ־רישטש, פּאַניאַל, סוואָלאַטש, יאַ טאָווארישטש!" — און זייער אָנבאָט נישט אָנגענומען.

„פאַרשטייט איר מיך צי ניין?", אָט אַזוי איז געווען באָריסקע.

דער צווייטער, דער קעשעניעווער איז געווען פון פאַך אַ גאָלדשמיד, אַן אינטעליגענט, אַ קליינשטעטער, אַ בלאַסער, אַן אָנגעליטענער. ביי יעדן געשפּרעך פלעג ער זיך פאַרופן אויף אַ שרייבער: טשערנישעווסקי, אין זיין בוך „טשטאָ דיעלאַט" האָט אַזוי געזאָגט", באָריסקע פלעג אים יעדעס מאָל אָפּשטעלן מיט אַ פאָרוואורף, וואָס גייט מיך אָן וואָס דער אָדער יענער שרייבער האָט געזאָגט, וואָס זאָגסטו אַליין, פון דיין אייגע־נעם שכל? און האָט אים אַ נאָמען געגעבן „די פאַרשלעפּטע קרענק".

דאָך „פאַרשטייט איך מיך צי ניין?", האָבן מיר זיך פאַרברידערט, געשלאָפן אין איין קאַמאָרקע, געגעסן ביי איין טיש און זיך געהאַלטן אומעטום צוזאַמען, עפּעס האָט אונדז פאַרבינדן איין אידעאַל, איין שטרע־בונג איז געווען ביי אונדז אַלעמען, אַז אונדזערע חברים אין רוסלאַנד וועלן ווי אַמשנעלסטן אויסקעמפן די פרייהייט, און מיר וועלן זיך אומ־קערן אין אַ באַפרייטער רוסלאַנד.

די שיף איז זיך געגאַנגען איר אָנגעצייכנטן וועג, „איר פאַרשטייט צי ניין?", באַלד וועלן מיר דאַרפן זיך צעשיידן און גיין יעדער איינער זיין וועג. די דערנענטערונג צו די טשילענער ברעגן האָט אונדז אַר־מעטיק געמאַכט. ווער ווייסט? האָבן מיר געטראַכט, וואָס עס דערוואַרט אונדז אין דעם נייעם לאַנד? צי וועלן מיר כאָטש געפינען אַרבעט? זענען מיר דאָך אַזוי עלנט, אָן אַ שפּראַך און אָן קרובים. און אַזוי באַטראַכטנ־דיק אונדזער לאַגע, רופט זיך אָפּ דער קעשענעווער צו אונדז: ווייסט איר וואָס, חברים, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך צעשיידן? מיר קענען דאָך זיין ווי־דער צוזאַמען, ווי ביז איצט, מיר וועלן דינגען אַ צימער צוזאַמען, וויפל מיר וועלן פאַרדינען, זאָל עס אַריינגיין אין אונדזער אַלגעמיינער קאַסע, עסן צוזאַמען און צוזאַמען טיילן אונדזערע פריידן און ליידן. אויסגע־צייכנט, האָט באָריסקע אויסגעשריגן מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. אַ קאָמונע, טאָווארישטשי, אַזוי ווי קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט, אַ קאָמונע!. מיר האָבן זיך געגעבן די הענט און געשוווירן אַז אַלץ וואָס עס וועט מיט

אונדז געשען, זאָל זיין גלייך אויף גלייך. און פרייליכע און מוטיקע האָבן מיר באַטראַכטן דעם טשילענער באָדן.

אזוי איז טאַקע געשען. מיר האָבן געדונגען אַ קליין און ריין צימער, — „פאַרשטייט איך מיך צי ניין?” — אַריינגעשטעלט אייזערנע בעטלעך און גענומען זוכן אַרבעט. באַריסקע האָט אויפן צווייטן טאָג באַקומען אַרבעט, איך האָב אויך געקריגן אַ פּעקל מיט סחורה און אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן, פאַרקויפנדיק סחורות אויף אויסצאָל, נאָר דער קעשענעווער, ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַקומען אין זיין פאַך קיין אַרבעט. די טשילענער האָבן נאָך קיין צירונג נישט געטראָגן. נאָר, אַ שבועה, בלייבט אַ שבועה, וואָס איך מיט באַריסקען האָבן פאַרדינט האָבן מיר זיך געטיילט מיטן קעשענעווער. זונטיק זיך פאַרגינען אַ בעסערן מיטיק אין אַ רעסטאָראַן, געגאַנגען אין אַ קינאָ, אזוי ווי געטרייע חברים.

איינמאָל, — „פאַרשטייט איך מיך צי ניין?” — אין אַ זונטיק איז דאָס געווען, בעת אונדז דער קעשענעווער אַז מיר זאָלן אַליין גיין עסן מיטיק, ער איז איינגעלאַדן צו זיינעם אַ לאַנדסמאַן, וועלכן ער האָט דאָ געטראָפן, — און אפשר וועט דער לאַנדסמאַן געפינען פאַר אים אַרבעט אויך, מילא, האָבן מיר מסכים געווען, כאָטש עס האָט אונדז פאַרדראָסן, שוין געוווינט געווען צו עסן צוזאַמען.

הכלל, „פאַרשטייט איך מיך צי ניין?”, אונדזער קעשענעווער איז אַוועק, זייער גוט פאַרבראַכט ביי זיין לאַנדסמאַן. און אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אונדזער חבר געקומען מיט אַ גדולה, אַז אויף אַ צעטעלע וואָס זיין לאַנדסמאַן האָט אים געשאָנקען, האָט ער געוווּנען 25 טויזנט פּעזעס. מיר האָבן זיך מיטגעפרייט, נאָר אונדזער חבר האָבן מיר פאַרלוירן. אַלס דאַנקבאַרקייט צו זיין לאַנדסמאַן האָט ער זיך באַלד אַרויסגעצויגן, גענומען זיינע פּעקלעך און אַריבער צו זיין לאַנדסמאַן אין הויז, אין אַ ברחבותדיקן צימער און אָנגעהויבן קלערן וועגן אַ תכלית.

דערווייל, — „פאַרשטייט איך מיך צי ניין?” — איז אָנגעקומען דער ווינטער. באַריסקע איז געבליבן אָן אַרבעט. איך אַליין האָב ווייניק פאַרדינט, צוליב די רעגנס האָב איך נישט געקאָנט אַרויסגיין אין גאַס קלאַפּן מיט מיין פּעקל. און עס איז נישט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן קיין דירה־געלט. האָבן מיר זיך דערמאָנט אין אונדזער קעשענעווער חבר,

און מיר זיינען אוועק צו אים בעטן, ער זאָל אונדז אויסלייען עטלעכע פּע־זעס, ביז מיר וועלן ווידער אָנהויבן אַרבעטן.

אונדזער קעשענעוועגער — „פאַרשטייט איר מיך צי ניין?" — האָט אונדז זייער פיין אויפגענומען, מכבד געווען מיט טיי און וואַרעניע און זיך שטאַרק דערפרייט מיט אונדזער באַזוך. אויסהערנדיק אונדזער בקשה, האָט ער זיך געלאָזן אָפּגערופן מיט אַ טאָן פון אַ פאָטער וואָס טרייסט זיינע קינדער: נישט געזאָרגט, חברים, אייביק וועט דער ווינטער נישט דויערן, עס איז איצט שלעכט, אָבער מען דאַרף נישט פאַרצווייפלען, עס איז אַ טייער לאַנד, מען קאָן געפינען אַרבעט, איז נישט ביי סטאָלערײ, איז דאָ אַ צווייטע אַרבעט, נישט געזאָרגט, אָט נעמט אַ ביישפּיל פון מיר. מיין פאַך איז דאָ נישט גוט, מען טראָגט דאָ נישט קיין צירונג, און פונ־דעסטוועגן האָב איך נישט געפינענדיק קיין אַרבעט, זיך נישט געזאָרגט, איך האָב געהאָפט און בין זיכער געווען אַז איך וועל זיך אַרויפאַרבעטן. און אָט זעט איר דאָך — ווי פיין איך האָב זיך אַרויפגעאַרבעט, דערפאַר זאָג איך, חברים, נישט געזאָרגט, איר וועט זען, איר וועט זיך אויך אַרויפאַרבעטן...

באָריסקע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיין בענקל און שנעל אַרויס אויפן גאַס, נישט זאָגנדיק קיין גוטן טאָג. איך האָב זיך געזעגנט, באַ־דאַנקט פאַרן כיבוד און זיך שטיל אויף די שפּיץ־פינגער אַרויסגעשלייכט פון צימער.

אויף דער גאַס אַהיים גייענדיק האָט באָריסקע זיך נישט געקאָנט באַרואיקן, אָט אַ חזיר, אָט אַן אינטעליגענט, אַרויפגעאַרבעט האָט ער זיך, מען האָט אים געשאָנקען אַ לאָטעריי צעטעלע, געוווּנען אַ 25־קער, האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט... אזא סוואָלאָטש... — פאַרשטייט איר מיך צי ניין?...

ער האָט געזונגען אויפן פראָנט

אַ מלחמה־עפּיזאָד

דער „פּאַטיאָ אַנדאַלוז" (אַ באַרימטע קרעטשמע אין סאַנטיאַגאָ דע טשילע) איז יענעם אָוונט געווען באַזונדערס יום-טובדיק געשטימט. די סאַנטיאַגער „באָהעמיע" — אַקטיאָרן, זינגער און זינגערנס, טענצער און ראַדיאָ־ספּיקערס האָבן אָנגעפילט דעם גרויסן קעלער. אַלע אויגן זענען גע־ווען געווענדעט צום טישל וו עס איז געזעסן דער גאַסט פון מעקסיקע, דער פּאָפּולערער קאָמפּאָזיטאָר אַגוסטין לאַראַ. דער געשפּרעך צווישן די באַזוכער איז געווען אַרום אים און זיינע באַגלייטער. באַלד וועט ער אויפ־טרעטן, באַלד וועט ער שפּילן זיינע באַליבטע קאָמפּאָזיציעס.

די בינע, אין מיטן פון לאַנגן זאַל, איז געווען ספּעציעל דעקאָרירט מיט טשילענער און מעקסיקאַנער פענער. אַלץ האָט געשיינט און געלויכטן. די אַרטיסטן, וואָס קומען יעדע נאַכט מיט זייערע פּאַרערער אין קעלער אָפּעסן אַ מאָלצייט און אַרומריידן טעאַטער, רכילות און אינטימע איבער־לעבונגען, האָבן יענעם אָוונט אין זיך פאַרגעסן. אַלע האָבן זיך אָנגע־שטרענגט אויסצוזען ערנסט, יום־טובדיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ חשובן גאַסט, וועלכן זיי נעמען היינט אויף.

אין אַ ווינקל, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, זענען מיר, אַ גרופּע ליב־האָבער פון יידישן טעאַטער, געזעסן. מיר האָבן געהאַט אונדזער אייגענעם

גאַסט, דעם אַרטיסט פּאַוועל שטיינבור און זיין פרוי לאַלאַ לוקאַשעווסקי. מיר האָבן געפייערט שטיינבורס ערן־אָוונט, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם זעלבן אָוונט ביי אַ פּול-געפּאַקטן טעאַטער. נאָכדעם ווי מיר האָבן געטרונקען פאַרן געזונט פון אונדזערע געסט און פאַרן קיום פון יידישן טעאַטער, האָט אונדז פּאַוועל שטיינבור דערציילט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון זיין טעאַטראַלער פאַרגאַנגענהייט.

אָנפאַנג 1918 האָב איך באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון אַ רעווי-טעאַטער אין אָדעס, אַז איך מיט דער טרופּע, וואָס האָט געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג אין בערדיאַנסק, זאָלן קומען אַהין שפּילן אין דאָרטיקן מלוכה־טעאַטער. אין אָדעס האָבן מיר זיך זייער גוט איינגעאָרדנט. דער טעאַטער־פאַרוואַלטער האָט געזאָרגט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ באַקוועמען צימער און אַ זאַטן פּאַיאָק (מאַלצייט).

איך בין דאָרט באַלד געוואָרן זייער פּאָפּולער. מיינע קופּלעטן און פרייליכע פּאַראָדיעס וועגן בירגער־קריג, נייעם רעזשים און אַנדערע אַקטועלע געשעענישן זענען געזונגען געוואָרן אין אַלע אָדעסער היימען און קלובן. קיינער האָט נישט געוווסט מיין אמתן נאָמען, אַלע האָבן מיך גערופן „טאָוואַרישטש פּאַוועל”, און איך בין געווען גליקלעך מיט מיין אַרבעט און אַרט לעבן.

נאָר איינמאָל, אין אַ זומערדיקן העלן פרימאָרגן, ווען איך בין געזעסן אין עס־צימער פון האָטעל און איינגעשטודירט מיטן פּיאַניסט אַ נייעם קופּלעט, איז צו מיר צוגעקומען דער האָטעל-אויפזעער און געמאָלדן, אַז צוויי רויט־אַרמייער ווילן מיך זען. איך בין אַרויס צו זיי און נאָכדעם ווי זיי האָבן פעסטגעשטעלט מיין נאָמען, האָבן זיי מיר געהייסן מיטגיין מיט זיי אין דער אָדעסער „טשעקאַ”.

גייענדיק אויפן וועג האָב איך מיר געטראַכט, וואָס עפּעס פּלוצלינג דאַרף מען מיך אַזוי נייטיק האָבן אין „טשעקאַ”? זאָל איך זיך האָבן מיט עפּעס פאַרזינדיקט קעגן דער „סאָוויעטסקע וולאַסט” (ראַטן־רעגירונג)? איך בין דאָך קיינמאָל נישט געווען פּאָליטיש טעטיק. זאָל מען מיך רופן צום מיליטער? האָט דאָך דער קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי דערקלערט, אַז אַרטיסטן וועלן נישט גיין אויפן פראָנט. לאַנג טראַכטן איז מיר נישט אויסגעקומען. אַ ווײַלע שפּעטער איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן.

אויפגענומען אין „טשעקא״ האָט מיך א יונגער אָפיציר. אין א זייער העפלעכן טאָן האָט ער מיך אויסגעפרעגט, וואָס פאר א רעפערטואר איך שפיל. דערוויסנדיק זיך, אז איך בין א קופלעטיסט, האָט ער מיך געבעטן צו זיין גרייט. אין א צוויי שעה ארום וועט מען מיך קומען נעמען אויפן פראָנט.

— אויפן פראָנט? — האָב איך געשטאַמלט — טאָווארישטש קאָמאַנדיר, — האָב איך געטענהט — איך וואָלט גערן געגאַנגען אויפן פראָנט פארטיידיקן מיין געבורטס־לאַנד קעגן אונדזערע שונאים, נאָר וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? איך בין דאָך קיינמאָל קיין סאָלדאַט נישט געווען.

— עטאָ ניטשעוואָ, — האָט מיר דער אָפיציר פריינטלעך געקלאַפּט אין פלייצע — מיר דארפן דיך נישט אַלס סאָלדאַט, מיר ווילן אַז דו זאָלסט זינגען פאר אונדזערע סאָלדאַטן דיינע פרייליכע קופלעטן און פאַראָדיעס. דאָרטן, אין די אָקאָפּעס, איז צייטנווייז אומעטיק, דארפן מיר אונדזערע העלדישע רויט־ארמייער פארוויילן, אריינברענגען א ביסעלע פרייד. פּאָניאַל, טאָווארישטש? (האָסטו פארשטאַנען, חבר?).

— מיט פארגעניגן! — האָב איך פריילעך אויסגעשריגן — מיט חברישער איבערגעגעבנקייט וועל איך אויפטרעטן פאר מיינע חברים סאָלדאַטן. עס וועט זיין פאר מיר א גרויסער כבוד צו זינגען פאר אזא דאנקבארן פובליקום. אויף אזא בינע בין איך נאָך קיינמאָל נישט אויפגעטראָטן. יאָ וואָס אָטשען בלאַגאָדאַריען (איך בין אייך זייער דאנקבאר), חבר קאָמאַנדיר!

— מאָלאָדיעץ, טאָווארישטש פּאָוועל! — האָט מיר דער אָפיציר געדריקט די האנט — גיי און איך בין זיכער, אז דו וועסט האָבן גרויס דערפאָלג. יעדער בירגער דאַרף דערפילן זיין פליכט לויט זיינע פעאיקייטן און מעגלעכקייטן.

צוויי שעה שפּעטער בין איך אין דער באגלייטונג פון א רויט־ארמייער געפאָרן אויפן פראָנט. — אַלע וואַרטן אויפן „ספּעוואַק״ (זינגער) — האָט מיר מיין באַגלייטער פארזיכערט. נאָך אָנדערהאַלבן שעה פאָרן האָט זיך דער אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט ביי דער עפענונג פון אן אָקאָפּ.

ביים אריינגאנג אין אָקאָפּ האָט מיך אויפגענומען א ראָטני קאָמאַנדיר, א גוטמוטיקער רוס. — פּעטראָוויטש איז מיין נאָמען — האָט ער זיך פארגעשטעלט און מיר אָנגעוויזן אויף דער אימפּראָוויזירטער בינע,

וועלכע האָט זיך געפונען אין מיטן פון אָקאָפּ און איז באַשטאַנען פון ברע־טער, ארויפגעלייגטע אויף צוויי פעסער.

— טאָווארישטשי! (חברים!) — האָט פעטראָוויטש אויסגעשריגן. און זיין קול האָט הילכיק אָפּגעקלונגען איבער דער לענג פון אָקאָפּ — טאָווארישטשי, אידיטיע סיודא, טאָווארישטש פּאַוועל פריעבאַל (חברים, קומט אהער, חבר פּאַוועל איז געקומען). באַלד איז ארום דער בינע פול געוואָרן מיט רויט-ארמייער. מיט שמייכלענדיקע פּנימער האָבן זיי פאַר־נומען די אָנגעוויזענע פּלעצער. ווען אַלץ האָט זיך איינגעאָרדנט, האָט פּעט־ראָוויטש, אָנווייזנדיק אויף מיר, זיך אָנגערופן: „טיעפּיער טאָווארישטש פּאַוועל נאַם ספּאָיאָט טשאַסטושקי" (איצט וועט דער חבר פּאַוועל אונדז זינגען פרייליכע קופּלעטן).

— זאַטיאַני! (הויב אָן) — האָט ער מיר א פרייליכער באַפוילן. איך בין געשטאַנען און אַלע אברים האָבן אין מיר געציטערט. עס האָט ביי מיר אָפּגענומען דאָס לשון. דער אָקאָפּ, וואָס האָט זיך אויף א וויילע פאַר־וואַנדלט אין א טעאַטער, האָט זיך מיר גדאַכט, וועט זיין די לעצטע פאַרש־שטעלונג וואָס איך שפּיל. אין דרויסן האָבן די גראַנאַטן געמאַכט אויפ־טרייסלען די ערד. די קאַנאָנען האָבן געהילכט מיט זייער זשומעריי און איך האָב געפילט, ווי אָט זינק איך איין צוזאַמען מיט מיינע צושויער.

פּעטראָוויטש האָט באַמערקט מיין צעטומלטקייט און זיך א מוטיקער אָפּגערופן: „עטאָ ניטשעוואָ, טאָווארישטש, פּאָטשעמו ניע פּאָיאָש?" (דאָס איז גאָרנישט, חבר פּאַרוואָס זינגסטו נישט?). אָט וואָס, חבר פּעטראָוויטש, — האָב איך זיך באַמיט צו זיין רואיק און געענטפערט — איך קאָן נישט זינגען אָן אַן אַקאָמפּאַנימענט. פּעטראָוויטש האָט א שמייכל געטאָן און צוגערופן א סאָלדאַט וואָס איז געזעסן אין א ווינקל. — מאַרקאָוו, פּרי־ניעסי גאַרמאָשקו (ברענג די האַרמאָניע), ביי אונדז איז אַלץ פאַראַן — האָט ער פרייליך פאַרענדיקט.

מאַרקאָוו, א הויכער, געזונטער טיפּישער מוזשיק, איז צוגעקומען נאָ־ענט צו דער בינע, מיך א ווײַלע נישט דרייסט אָנגעקוקט און א פרעג געטאָן: „קאַקיע טשאַסטושקי פּאָיאָש?" (וואָס פאַרא קופּלעטן זינגסטו?) איך האָב אָנגערופן די נעמען פון אייניקע פּאָפּולערע קופּלעטן, און ער האָט,

אַ צי טוענדיק די האַרמאָניע, צוגעגעבן: „כאַראַשאָ, יאַ זנאַיו" (גוט, איך קאָן זיי).

באַלד האָט זיך איבער דער אָקאָפּע צעטראָגן די קלאַנגען פון מאַר־קאָווס גאַרמאָשקע, און ווינקענדיק צו מיר מיט אַן אויג, האָט מאַרקאָוו מיט זיין טיפער געשמאַקער ברוסטיקער שטים דרייסט אַ זאָג געטאָן: „זאַפּיעוואַי, טאָוואַרישטש פּאַוועל" (זינג, חבר פּאַוועל). איך האָב אַ צאַפּל געטאָן, זיך אויפגעכאַפּט פון מיינע טרויעריקע געדאַנקען און אָנגעהויבן שטיל צו זינגען. ביסלעכווייז האָב איך אין אַלץ פאַרגעסן, געזונגען זינגען וואָס אַמאָל שטאַרקער און העכער. אַלע האָבן מיטגעזונגען. ווען איך האָב געענדיקט איין לידל, האָט מאַרקאָוו באַלד פאַרצויגן אַ צווייטס, און איך האָב געזונגען ווי קיינמאָל נישט, די רויט-אַרמייער האָבן פאַרגעסן אַז זיי געפינען זיך אויפן פראָנט, וואו יעדע מינוט לויערט דער טויט איבער זיי, און צום לעצט, ווען איך האָב געזונגען דאָס אין יענער צייט פּאָפּולערע ליד „עך אָדעסאַ", האָט דער ענטוזיאַזם דערגרייכט זיין העכסטן פּונקט. די סאָלדאַטן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן, מען האָט מיך נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער בינע. צענדליקער מאָל האָב איך געמוזט איבערזינגען דעם פריילעכן סטראָף:

עך אַדעס!
מיר וועלן זיך דויען
ווי די בורזשויען.

עך אָדעסאַ!
פּראָשטשאַי, אָדעסאַ.
פּראָשטשאַי, אָדעסאַ.
העי. קאָמסאָמאָלצי,
קריטשיטיע ווסיע הוראַ!

עך אָדעסאַ!
פּראָשטשאַי, אָדעסאַ.
עך אָדעסאַ!
יאַ ליובליו טעביאַ.

— איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן — האָט פּאַוועל פאַרענדיקט זיין דערציילן — יענעם טאָג אויפן פראָנט. יענער דערפאָלג, די אַפּלאָדיס־מענטן פון די מוזיקע רויט־אַרמייער איז געווען דער גרעסטער טריאומף, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין טעאַטער־קאַריערע.

שפּעט, פאַרטאָג, זענען מיר זיך צעגאַנגען. פּאַוועל שטיינבור, דער פריילעכער, דער זינגענדיקער, איז געווען פאַרטיפט אין זיך. — ווי גליקלעך וואָלט איך איצט געווען, — האָט ער געזאָגט — ווען איך וואָלט איצט געקאָנט ווידער אויפטרעטן פאַר די העלדישע רויט־אַרמייער, וואָס קעמפן פאַר אַ נייער פרייער וועלט קעגן אונדזערע אַלעמענס שונאים.

דער מבֿין אויף פֿערד

אין בופֿעט־צימער פֿון „סירקולאָ איזראַעליטאַ" האָב איך אים געטראָפֿן. אין אַ ווינקל ביי אַ טישל איז ער געזעסן, אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען. זיין קאָפּ איז געווען אָנגעבויגן איבער פֿאַרשידענע זשורנאַלן און געדיכט באַשריבענע בויגנס פּאַפּיר. זיין אָפּגעצערט געזיכט און טיף געקנייטשטער שטערן, די ברילן אויף זיין ביינערדיקער נאָז, האָבן געשאַפֿן דעם איינדרוק, אַז דאָס דאַרף געווים זיין אַ שרייבער אָדער אַ פּראָפֿעסאָר פֿון אַ הויך־שולע, וועלכער גרייט צו אַ לעקציע אָדער אַן אַרטיקל איבער פֿראַגן וואָס האָבן אַ שייכות צו זיין באַרוף. איך האָב זיך דערנענטערט צו זיין טישל און געזוכט אַ מעגלעכקייט מיט אים זיך צו באַקענען.

דערזעענדיק מיך, האָט ער מיט זיין שאַרפֿן בליק גלייך דערקענט אין מיר אַ פֿרעמדן, אַ צוגערייזטן. מיין אייראָפּעאישע קליידונג האָט עדות געזאָגט, אַז איך בין נאָך אַ גרינער אין טשילע. מיט אַ באַזונדערער העפֿלעכקייט האָט ער מיך געבעטן זיצן; מיך אויסגעפֿרעגט וועגן דעם לאַנד פֿון וועלכן איך קום, וועגן דער לאַגע פֿון די יידן דאָרטן א. א. וו. באַקומענדיק פֿון מיר אַ צופֿרידנשטעלנדיקן ענטפֿער, האָט ער זיך ווידער פֿאַרטיפֿט אין זיינע פּאַפּירן.

איך האָב אויסגעניצנדיק זיין גאַסטפֿריינטלעכקייט צו מיר, אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערלויבן אַריינצוקוקן אין די זשורנאַלן, וועלכע מוזן געווים זיין זייער אינטערעסאַנט. ער האָט איראָניש אַ שמייכל געטון און מיט ביטול געענטפֿערט.

— איר אַלס גרינער, וועט אין די זשורנאַלן נישט פֿאַרשטיין קיין אות. ערשטנס, זענען זיי געשריבן אין שפּאַניש; צווייטנס, דאַרף מען

שטודירן און זיך אָפּגעבן דערצו יאָרן, אַז מען זאָל וויסן ווי אַזוי זיי אויסצונוצן.

מיין נייגעריקייט איז נאָך מער געשטיגן און איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערקלערן די באַדייטונג פון יעדן זשורנאַל באַזונדער; וואָס פאַרא קעגנשטאַנדן ווערן אין זיי באַהאַנדלט? ווער זענען די שרייבער וואָס שרייבן אין זיי? זענען דאָס וויסנשאַפטלעכע אָדער ליטעראַרישע?

ער האָט פעסטער אַרויפגעזעצט זיינע ברילן אויף דער נאָז — און מיט דער ערנסטקייט פון אַ פּעדאַגאָג מיר אָנגעהויבן צו דערקלערן אַלץ וואָס אין די זשורנאַלן ווערט געשריבן, זייער וויכטיקע באַדייטונג פאַרן מענטשלעכן לעבן.

— איר זעט דעם זשורנאַל? ער רופט זיך „לאַ פּיכאַ" — די זיכערע — און דער מיט די רויטע טעוועלעך רופט זיך „לאַ הואַסקאַ" — די בייטש. ביידע זשורנאַלן באַהאַנדלען איינע און די זעלבע קעגנשטאַנדן, „די קאַרעראַס" — פערד־געיעגן. — אָן די וועג־ווייזער, אָן די זשורנאַלן מיין איך, טאָר מען נישט גיין צו די קאַרעראַס, דער וואָס שפּילט אויף די קאַרעראַס, נישט אויסרעכענענדיק פריער וועלכעס פערד עס קאָן געווינען, דער איז אַ פאַרפאַלענער, אָן עברה זיין געלט און זיין צייט.

— אָט למשל, זעט איר, אָז אין איינעם פון די פּלעצער ווו די פערד לויפן יעדן זונטיק, צום ביישפּיל, אין דעם גרויסן היפּאָדראָם וואָס הייסט „קלוב היפּיקאָ", אָדער אין קלענערן וואָס רופט זיך „היפּאָדראָמאָ משילע", אַ פערד מיטן נאָמען — מאַדאַם בוטערפלייַ", נעמט איר און שטעלט אויף אים אָוועק, לאָמיר זאָגן 10 פּעזעס, ווייל איר זענט זיכער אַז דאָס פערד וועט געווינען — האָט איר אַ טעות און איר פאַרשפּילט. אָבער, איך וויים אַז דאָס פערד קאָן נישט געווינען, פאַרוואָס? וועל איך אייך דערקלערן.

—איך קאָן אַלע פערד... קען פון אויסנווייניק אַלע נעמען, וויים יעדנס אָפּשטאַם און יחוס... אויך די זשאָקעיס — די לויפערס קען איך. איך רעכן אוים צום ביישפּיל אַזוי: — „מאַדאַם בוטערפליי", וועגט 45 קילאָ און דער זשאָקעי וואָס לויפט מיט איר וועגט 67 קילאָ; — און לויפן דאַרף ער אַ קימה־לן פון 241 מעטער, קאָן ער נישט געווינען, עס איז צו שווער פאַרן פערד אַזאַ מאַסע. נישט אַזוי לייכט איז עס מיר אָנגע־

קומען אויסצורעכענען אַלץ גענוי ווי איך דערקלער עס אייך, שוין 22 יאָר ווי איך שטודיר די טאַבעלעס, די וואָגן און מעלות פון יעדן פערד באַזונדער. עס מאַכט זיך אַמאָל אַז איך האָב אַ טעות; אָדער, אין לעצטן מאָמענט איידער דאָס פערד לויפט בייט מען איבער דעם זשאָקעי, אָדער אַן אַנדער סיבה. אַט ערשט נישט לאַנג האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז איך זאָל ווערן אַ גרויסער גביר, נאָר איבער אַ קלייניקייט, איבער אַ האַל־בער נאָז... האָב איך פאַרשפּילט; איר מעגט עס אויסהערן.

— מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך נאָך אַ גרינטלעכער אויס־רעכענונג באַשלאָסן צו שפּילן אַ קאָמבינאַציע פון דריי פערד מיטאַמאָל. זיי זענען געלאָפן אין די ערשטע דריי קאַרעראַס. לויט מיין חשבון האָב איך פאַר 20 פעזעס באַדאַרפט אָפּנעמען 20 טויזנט פעזעס, איר הערט? צוואַנציק טויזנט פעזעס. איך האָב אין דער ערשטער קאַרעראַ געשפּילט אויף „סעלוואַ נעגראַ", — שוואַרצער וואַלד, „סעלוואַ נעגראַ" איז אַ פערד וואָס איך האָב נאָך געשפּילט מיט צוואַנציק יאָר צוריק אויף זיין זיידן... איר דאַרפט וויסן, אַז ער אַליין שטאַמט פון דער משפחה „פּיני־זשאַ דע פּיניזשאַס" זענען פון דור דורות אַ געזונטע און שטאַרקע ראַסע.

— און לויפן לויפט מיט אים דער בעסטער זשאָקעי, סונינאַ, — און סו־נינאַ, פאַרשטייט איר מיך, איז דער גאָט פון די זשאָקעיס. אַז „סעלוואַ נעגראַ" וועט געווינען, אין דעם בין איך זיכער געווען. — אין דער צוויי־טער קאַרעראַ האָב איך געשטעלט אויף „ראָטיטאַ" — דער אָפּגעריסע־נער. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? דער „ראָטיטאַ", דאָס איז אַ פערד — אַ ברען, אַן אָדלער, ער לויפט נישט; ער פליט. שטעלט אייך פאָר, אַז ער, „ראָטיטאַ" איז פאַראַיאָרן געלאָפן אין דעם „דערבי געוועט", האָט דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק אים אַ קוש געטון אין דער נאָז... — אין דער דריטער קאַרעראַ, האָב איך געשפּילט אויף „פּלאַמבאַ", דאָס איז אַ פערד וואָס קאָן נישט פאַרשפּילן. וואָס זאָל איך אייך דערציילן? איך האָב געוויזן אַ גרויסן שפּילער מיין קאָמבינאַציע, האָט ער מיר פאַר די בילעטן געוואָלט געבן 10 טויזנט פעזעס, אָבער איך האָב זיך אויסגעלאַכט פון אים, איך בין געווען זיכער אַז כ'וועל אַ גביר, אַז אַלץ איז ביי מיר גע־ווען אויסגערעכנט אויף די האָר; די פערד וועגן אַזויפיל — און די זשאָ־קעיס אַזויפיל — און דער שטח איז אַ קליינער — אינגאַנצן 196 מע־טער — דאָס וועטער איז גוט — די ערד איז אַ טרוקענע; טאָ ווי אַזוי

קאָן איך פאַרלירן? האָב איך אָבער נישט קיין מזל. פונקט פאַר דער מע־
טע, האָט זיך „סעלוואַ נעגראַ" אויסגעגליטשט און צעבראָכן אַ פוס, —
„ראַטיטאַ" האָט באַקומען אַ מאָגן קראַמף און מען האָט אים געמוזט
אָפּפירן אין שטאַל אַריין און געבן אַן אָפּפיר־מיטל... — און „פּלאַמבאַ"
האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיט אַ האַלבע נאָז... אָבער טאַקע נישט מער ווי
מיט אַ האַלבע נאָז... — און איך האָב פאַרשפּילט.

— מיין עגמת נפש יענעם טאָג קאָן איך אייך גאָרנישט איבערגעבן.
עס האָט מיך נישט געאַרט דאָס געלט, נאָר מיין אויסרעכענונג, מיין
פּראַקטיק, אויף וועלכע איך האָב אַוועקגעגעבן מיינע בעסטע יאָרן. עס
האָט מיך אַזוי געערגערט, אַז איך האָב באַשלאָסן מער נישט צו שפּילן
אויף דריי פערד, נאָר אויף איינעם. איצטער האָב איך אויסגעפינען אַ
פערדל, זאָג איך אייך, אַז דעם זונטיק פאַרקויף איך אייך נישט פאַר קיין
שום געלט, מאָנטיק מעגט איר זיכער זיין, וועט איר מיך נישט דערקענען.
דאָס מאָל מוז איך ווערן אַ גביר.

***

איך האָב אים צוגעגעבן מוט און געווונטשן גליק. ווען איך האָב דער־
נאָך ביי באַקענטע געפרעגט ווי אַזוי מען רופט אים, האָבן זיי מיר גע־
ענטפערט, אַז הייסן הייסט ער — דאַווידזאָן, נאָר רופן רופט מען אים —
„דער מבין אויף פערד"...

זי וויל, עס זאָל זיין וואָס בעסער און שענער...

אידאַ האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן, אַלע אירע מחשבות זענען געווען פאַרנומען מיטן גרויסן יום־טוב, וואָס די „פּראָגרעסיווע געזעל־שאַפט”, האָט געגרייט לכבוד דעם פינף און צוואַנציק יעריקן אַניווער־סאַר פון דער רויטער אַרמיי.

אידאַ האָט באַדאַרפט אויף דעם יום־טוב חוץ די געטראַנקען און עסנ־ווארג, אויך פאַרזאָרגן דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן פּראָגראַם — און עס איז שוין איגגאַנצן פאַרבליבן אַ וואָך צייט — און זי ווייסט נאָך אַלץ נישט, ווער עס וועלן זיין די אנטיילנעמער, — און דער עיקר, צי וועלן זיי קענען צופרידנשטעלן דעם עולם?

אידאַ האָט געפּרווט זיך דערמאָנען אין די אַרטיסטישע כוחות וועל־כע זי האָט געקענט און געהאָפט אויף זייער באַטייליקונג. זי האָט גע־ווּסט אויף וואָס זיי זענען פעאיק, אָבער, דאָס מאָל מוז דאָך זיין עפּעס אַנדערש, ווי אויף געוויינלעכע יום־טובים. עס האַנדלט זיך דאָך עפּעס וועגן דער רויטער אַרמיי, קען מען דאָך נישט אָפּקומען מיט אַ פאָלקס־לידל, אָדער, מיט סתם אַ רעציטאַציע, דער פּראָגראַם דאַרף זיין אַן אויס־דרוק פון דער צייט; פון די שטימונגען, וואָס הערשן איצט אויף דער וועלט,, די מוזיק; די דעקלאַמאַציעס דאַרפן דאָך אָפּשפּיגלען די העל־דישקייטן פון רוסישן פאָלק. איז וווּ־זשע נעמט מען די פּאַסיקע מאַטע־ריאַלן? זי האָט שוין אפילו גערעדט מיט איינקע חברים, זיי ווילן אַלע אנטיילנעמען, נאָר, טענהן זיי, גיט מיר די מוזיק; די פּאָעזיע — אַ מאָ־נאָלאָג, וועלן מיר אויסלערנען. איז טאַקע אידאַן זייער שווער דאָס צו־נויפצושטעלן. אידאַ איז שוין געווען אין דער ביבליאָטעק — און זי האָט גאָרנישט געפונען, געבעטן ביי חברים, אפשר האָבן זיי עפּעס אַזעלכעס

וואָס זאָל באַשיינען דעם יום־טוב, זי בעט דאָך נישט פאַר זיך, זי וויל דאָך, אַז דער יום־טוב זאָל זיין וואָס בעסער און שענער.

אידאַ האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. זי האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, וואָס איז געשטאַנען ביי איר לעבן בעט — און געפּרוּווט וועקן איר מאַן כדי מיט אים זיך צו באַראַטן.

— מאָטל, מאָטל, — האָט זי לייכט אים אָנגערירט פאַרן האַנט, מאָטל דו שלאָפסט?

— וואָס איז? וואָס איז געשען? האָט מאָטל אויפגעכאַפּנדיק זיך אַ דערשראָקענער געפרעגט, — פילסט זיך עפּעס נישט גוט?

— שרעק זיך נישט, ס'איז גאָרנישט. האָט אידאַ אים באַרואיקט, איך פיל זיך גאַנץ גוט, נאָר, כ'קען נישט שלאָפן, עס לאָזט מיך נישט רואיק איינלינגן. דו ווייסט דאָך, כ'דאַרף צוגרייטן דעם גרויסן יום־טוב לכבוד דער רויטער אַרמיי, די צייט איז קורץ — און איך האָב נאָך גאָר־נישט באַזאָרגט, אפשר קענסטו מיר עפּעס העלפן?

— מיט וואָס קען איך דיר העלפן? האָט מאָטל ערנסט געפרעגט, דאָס איינציקע וואָס איך קען טון פאַר דיר איז, אויסלעשן דאָס ליכט און שלאָפן.

— שלאָפן, שלאָפן, — נאָר ער וואָלט גאַנצע נעכט געשלאָפן, האָט אידאַ זיך געבייזערט, כ'ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי מען קען היינטיקע ציי־טן רואיק שלאָפן? דאָרטן אויפן פראָנט גיסט זיך מענטשלעך בלוט — און ער וויל נאָר שלאָפן.

— און אַז כ'וועל נישט שלאָפן, האָט מאָטל זיך געוויצלט, וועל איך דען דערמיט אָפּנעמען סמאָלענסק אָדער קיעוו?

— אַהאַ, האָט אידאַ איראָניזירט, מיינסט דאָך, אַז דו ביסט אַ גאַנצער חכם? כ'קען זיך באַגיין אָן דיינע וויצן און דיינע עצות. מעגסט לאָבן וויפל דו ווילסט, נאָר איך זאָג דיר, אַז ווען נישט די רויטע אַרמיי, וואָס וועט באַפרייען די וועלט פון נאַציזם, וואָלטן זיך אַלע געמעגט אַריינוואַרפן אין „מאַפּאַטשאַ” (אַ טייך וואָס קרייצט דורך די שטאָט סאַנטיאַגאָ).

— וואָס־זשע ווילסטו, האָט מאָטל זיך געבעטן ביי איר, וואָס ווילסטו זאָל איך טון? זאָג, אדרבא, ווילסט, איך זאָל פליען איבער בער־לין און וואַרפן באָמבעס? ווילסט איך זאָל ווערן אַ טאַנקיסט אויפן קאַוו־

סאָזער פראָנט, גוט, מאָרגן גיי איך זיך פאַרשרייבן אין דער ארמיי, אַבי לאָז מיך איצטער שלאָפן.

כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך אידאַ צעלאַכט, נישטאָ ווער עס זאָל הערן! בנאמנות. אַ נייער העלד, שלימזל וואָס דו ביסט, דערשרעקט זיך פאַר אַ מייזל — און רעדט וועגן פליען; וועגן טאַנקעס מאַך זיך נישט נאַריש, די רויטע ארמיי וועט זיך שוין אַן עצה געבן אָן דיר. וואָס איך וויל איז, דו זאָלסט מיר אויסזוכן עטלעכע דעקלאַמאַציעס; אַ פּאָר לידער וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען די העלדישקייטן פון דער רויטער ארמיי — און אפשר וועסטו אליין עפּעס פאַרלייענען?

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת אידאַ, האָט מאָטל געפּרוווט מיט גוטן איינטענהן, כ׳וואָלט אוודאי געוואָלט עפּעס לייענען, נאָר כ׳ווייס נישט, צי איך וועל קענען גיין, ס׳איז דאָ אַ סך ארבעט, — און מען מוז ארבעטן ביינאַכט.

— וואָס? האָט אידאַ זיך ווידער געבייזערט, דו וועסט נישט קו־מען אויף אַ יום־טוב וואָס איך אָרגאַניזיר? אויב אזוי, זאָלסטו אינגאַנצן צו מיר נישט רעדן, כ׳בין מיט דיר ברוגז אויפן גאַנצן לעבן.

— פאַרוואָס אויפן גאַנצן לעבן, האָט זיך מאָטל געבעטן, אפשר וואָלסטו מיט מיר נישט גערעדט ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן? — און איך זאָל קענען שלאָפן נאָך אַ שווערן טאָג ארבעט? אדרבא, זאָג מיר, האָט מאָטל רעזיגנירט, זאָג מיר וואָס פעלט דיר צום יום־טוב? הבר יאַנקל וועט עפענען דעם אָוונט יאָ? דער טשילענער שרייבער פינאַטשעטי וועט געבן אַן איבערבליק וועגן דער רויטער ארמיי, יאָ? די חברטע סאָניע וועט שפּילן רוסישע מוזיק? יאָ. דער חבר דוד וועט פאַרלייענען לידער פון פּאַבלאָ נערודאַ — און פון קהת קליגער? יאָ. סאַנדוויטשן מיט קאַל־טע געטראַנקען וועלן זיין? יאָ. איז וואָס־זשע פעלט דיר נאָך. האָסט דאָך מיר ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אויסגערעכנט אַ גאַנצן פּראָגראַם, וואָס זשע ווילסטו איצט מער?

— ביסט אַן עגאָאיסט — פאַר דיינס אביסל שלאָף וואָלסטו מענטשן געהרגעט. כ׳בעט ביי דיר אַן עצה — און דו האָסט נאָר מורא, אַז די וועסט זיך נישט אויסשלאָפן. כ׳וויל אַז דו זאָלסט אויך אנטיילנעמען, זאָלסט מיר העלפן מיט וואָס מען וועט נאָר באַדאַרפן, כ׳וויל דאָך אַז דער יום־טוב זאָל זיין וואָס בעסער און שענער.

אינהאלט:

די זון וועט ניט אונטערגיין — — — — — — — — — — 3
א פארשטערטע חתונה — — — — — — — — — — — — 9
ביינאכט אויף סאנטיאגער גאסן — — — — — — — — — 15
פאציענטן — — — — — — — — — — — — — — — — 19
זעקס שטיקלעך צוקער — — — — — — — — — — — 25
דאקטאר לירא — — — — — — — — — — — — — — 29
אויפן סאן קריסטאבאל — — — — — — — — — — — 34
דער אלטער פאטעל — — — — — — — — — — — — — 39
ער האט זיך ארויפגעארבעט — — — — — — — — — 44
ער האט געזונגען אויפן פראנט — — — — — — — — 49
דער מבין אויף פערד — — — — — — — — — — — — 55
די וויל עס זאל זיין וואס בעסער און שענער — — — — — — 59

Este libro se terminó de imprimir el día 28 de octubre de 1949 en los Talleres Gráficos "Optimus", calle Valentín Gómez 2715-19 Bs. Aires - Argentina.

JOSE GOLDCHAIN

DE UN PAIS LEJANO

Cuentos de la vida chilena

1 9 4 9